www.libtool.com.cn

START

www.libtool.com.cn

# CONTROL TEST TARGET for Kodak Quality Monitoring



Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww Xx Yy Zz

Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww

Note: This target is intended for routine quality control checking and uniformity.
It is not to be used for certification of meeting any ANSI or ISO Standards for image quality requirements.
Note: To record background density, use a blank sheet of white paper.

Document Imaging
EASTMAN KODAK COMPANY
Rochester, New York 14650
1-800-232-8811

DOCUMENT IMAGING

A-2289 CAT 800 7403 Rev. 2/00 @ Eastman Kodak Company, 2000 Printed in U.S.A.

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

Microfilmed 2004
By the
Center for Jewish History

For
YIVO Institute
For Jewish Research

NEW YORK, NY

Reproduction may not be made
without permission.

www.libtool.com.cn

# YIDDISH DRAMA

# PRESERVATION PROJECT

www.libtool.com.cn

YIVO
LIBRARY

REEL
Y-2004-1877.16

www.libtool.com.cn

Chekhov, Anton.
Der ber ; Der shidekh
London, 1905.

www.libtool.com.cn

BIBLIOGRAPHIC RECORD TARGET

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH

Master negative Storage Number Y-2004-1877.16

**Chekhov, Anton Pavlovich, 1860-1904.**
Medved. Yiddish
Der ber ; Der shidekh / iberz. fun A. Frumkin.
London : G. David, 1905.
Varying form of title: Shidekh
36 p. : port. ; 22 cm.

1. Russian drama--Translations into Yiddish.
I. Frumkin, A. (Avraham), 1873-1940. II. Chekhov, Anton Pavlovich, 1860-1904. Predlozhenie. Yiddish. 1905. III. Great Britain-England-London

ID: NXYH00-B8446 CC: 9114 DCF: [HBR]
CALL #: /106133

Reduction ratio X 10.0

Perl. 133

www.libtool.com.cn



## אנטאן פאוולאוויטש טשעכאוו

איז געבאָרען געוואָרען אין טאַגאַנראָג דעם 17־טען יאַנואר 1860. ער האָט שטודירט אין מעדיצינישען פאַקולטעט אין מאָסקווער אוני־ווערזיטעט, וואו ער האָט אין 1884 געענדיגט דאָקטאָר מעדיצין. דיזע פראָפעסיאָן האָט איהם אָבער ניט צופרידענגעשטעלט און ער האָט זיך איבערגעגעבען דער ליטעראַטור. זיין ליטעראַרישע קאַריערע האָט ער אָנגעפאַנגען נאָך זייענדיג אין אוניווערזיטעט אין די 80־גער יאָהרען, ווען ער האָט געשריבען קורצע ערצעהלונגען אין „נאָוואָע ווערעמיאַ", „סטרעקאָזאַ" און אַנדערע צייט־שריפטען אונטער דעם פסיידאָנים אַ. טשעכאָנטע. זיין ערשטע ערצעהלונג האָט ער אָנגעשריבען אין 1879. אין 1890 איז ער אַוועק נאָך סיביר אום זיך צו בעקענען מיט דעם לעבען פון די געפאַנגענע. ער האָט אָנגעשריבען היבשע עטליכע דראַמען, גרע־סערע און קלענערע נאָוועלען און אַ מאסע קליינע סקיצען, מיט וועלכע ער האָט זיך קונה שם געווען אין דער גאַנצער ליטעראַרישער וועלט. אין רוסלאַנד איז ער געווען איינער פון די בעליעבטסטע און בעריהמט־סטע שרייבער. ער איז געשטאָרבען אין באַדען, דייטשלאַנד, דעם 15טען יולי 1904.

# פאַרוואָרט.

דאָס ביכעל, וואָס ליגט דאָ פאַר אייך, איז דאָס ערשטע פון אַ סעריע קליינע ערצעהלונגען און דראַמען, איבערזעצט פון פערשיעדענע שפּראַכען, וועלכע וועלען פון צייט צו צייט אַרויסגעגעבען ווערן פון דעם זעלבען פערלאַג אונטער דעם אַלגעמיינעם נאָמען: „פון פרעמדע לשונות".

אונזער אידישע ליטעראַטור איז ליידער אָרים אין גוטע, גאַנצע איבערזעצונגען. אין רוסלאַנד, וואו דער יאַגד נאָך געלד האָט נאָך ניט אַזאַ שווארצע גבורה ווי אין אַמעריקאַ און האָט נאָך ניט פערדאָרבען אין גאַנצען דעם ליטעראַרישען געשמאַק אי פון די אַרויסגעבער, אי פון די לעזער, איז דער דאָזיגער טהייל, די איבערזעצונגען, צום בעדויערן כמעט אין גאַנצען פערנאַכלעסיגט געוואָרען. אין דער צייט וואָס אונזער אָריגינעלע שעהן-ליטעראַטור איז געוואַקסען און האָט זיך ענטוויקעלט צו אַזאַ מדרגה, אַז זי ווערט שוין איצט איבערזעצט אין אַנדערע אייראָפּעאישע שפּראַכען, איז אין רוסלאַנד ערשיענען זעהר, זעהר אַ קליינע צאָהל ווערקע, איבערזעצט פון פרעמדע לשונות.

און אויף די איבערזעצטע ווערק, וואָס זיינען ערשיענען אין אידיש אין אַמעריקאַ, אויף זיי מיט זעהר װעניג אויסנאַהמען, קען מען זאָגען: הלואי וואָלטען זיי גאָר ניט ערשיענען! דאָס האַרץ טהוט וועה אַז מען נעהמט אַריין איינעם פון די דאָזיגע „גוטע" ראָמאַנען אין דער האַנד. מען רעדט שוין ניט פון דער איבערזעצונג אַליין, פון דער ביליגער, פון דער האַנד אַוועקגעמאַכטער אַרבייט. דאָס טרויעריגסטע איז, וואָס די בעסטע ווערק פון די גרעסטע שרייבער פון אונזער צייט זיינען אַזוי צו׳הרג׳עט, אַזוי עקעלהאַפט פערקירצט און אַרומגעשניטען געוואָרען, אַז ס׳איז זיי אונמעגליך צו דערקענען. וואָס פאַר אַ בעגריף קען דער לעזער האָבען פון טאָלסטאָי אָדער פון זאָלאַ, ווען ער לייענט זייערע מייסטער-ווערק אין אידיש? וואָס איז „אַננאַ קאַרעניגאַ" אין אידיש, אויב ניט אַ שאָטען, אַ מיאוס׳ער שאָטען, אַ מפּיל פון דעם געזונדען, וואונדער-שעהנעם קינד, וואָס דער גרויסער רוסישער דיכטער האָט דער וועלט געשאָנקען? וואָס איז „נאַנאַ" און אַלע אַנדערע זאָלאַ׳ס זאַכען, אין דער אידישער איבערזעצונג, אויב ניט שונד-ביכלאַך פון׳ם פּראָסטעסטען, ביליגסטען סאָרט? וואָס זיינען דאָס רוב אַלע אַנדערע איבערזעצטע ראָמאַנען און ערצעהלונגען, וועלכע האָבען געהאַט דאָס אונגליק צו ערשיינען אין דער אידישער שפּראַך, אויב ניט צוקאַליעטשעטע, צוקוועטשטע גליעדער פון גאַנצע קערפּערס, אָהן אַ ברעקעל זאַפט, אָהן אַ נשמה, אָהן לייב און לעבען?

יאָ, הלואי וואָלטען זיי גאָרניט ערשיענען! דאָס קען מען זאָגען פון טיעפען האַרצען. הלואי וואָלטען זיי ניט ערשיענען, דאַן וואָלט זיך אפשר אַמאָל געפונען אַן ערנסטער אַרויסגעבער, וואָס וואָלט געהאַט דיא מעגליכקייט צו געבען דאָס אידישע לעזע-פּובליקום אמת׳ע, גוטע איבערזעצונגען פון די אַלע בעריהמטע ווערק!


www.libtool.com.cn

נאָר דאָס וואָס איז געווען איז פערפאַלען. דערמיט אָבער האָט זיך נאָך ניט אַלצדינג געענדיגט. עס זיינען נאָך פאַרהאַן מאַסען גוטע זאַכען אין יעדער אייראָפּעאישער ליטעראַטור, וואָס זיינען נאָך ניט איבערזעצט געוואָרען אין אידיש. פאַרהאַן מאָדערנע וועלט-בעריהמטע שרייבער, מיט וועמען דאָס אידישע לעזע-פּובליקום איז נאָך ניט בעקאַנט, פון וועמען עס האָט נאָך כמעט גאָרנישט געהערט.

אָט דעם דאָזיגען מאַנגעל צו ערפילען, אויף וויפיעל אונזערע כחות וועלען אונז ערלויבען, איז אונזער אויפגאַבע.

דער פערלאַג „פון פרעמדע לשונות" וויל ביישראָגען ווי ווייט מעגליך צו דער בערייכערונג פון אונזער אידישער ליטעראַטור אין דעם פרעמדען טהייל איהרען, אין דעם טהייל פון די איבערזעצונגען. דערביי ווילען מיר אָבער ניט נאַרען ניט די לעזער און ניט זיך. מיט׳ן גאַנצען ווילען אונזערן צו שאַפען וואָס מעהר אין דיעזער היגזיכט, זיינען מיר לעת עתה ניט אים שטאַנד צו אונטערנעהמען גרויסע אַרבייט. מיר זאָגען אַלזאָ, אַז מיר וועלען אַרויסגעבען פון צייט צו צייט זאַמלונגען פון קליינע ערצעהלונגען און דראַמען, איבערזעצט פון פערשיעדענע שפּראַכען. אָבער אָט די קליינע מייסטער-ווערק פון דער וועלט-ליטעראַטור וועלען בלייבען גאַנץ אַזוי ווי אין דער שפּראַך, אין וועלכער זיי זיינען געשריבען געוואָרען. די איבערזעצונגען וועלען זיין אין ריינעם אידיש אָבער טריי צום אָריגינאַל. דער לעזער וועט זיך אַלזאָ בעקענען מיט דעם שרייבער אַליין, מיט זייןווירקליכער אַרבייט און ניט מיט די צוקריפּעלטע געדאַנקען און בילדער, וואָס מען גיט איבער אין זיין נאָמען.

די צוויי איין-אַקטערס „דער בער" און „דער שידוך" פון אַנטאָן טשעכאָוו האָבען געהאַט אַ גרויסען ערפאָלג ניט נאָר אין רוסלאַנד, נאָר אויך אין דייטשלאַנד און אויף מאַנכע אַנדערע ביהנען, וואו מען האָט זיי אויפגעפיהרט. מיר גיבען זיי דאַרום אין ערשטען ביכעל, ווייל דער מאַנגעל אין געדרוקטע גוטע טהעאַטער-שטיקער אין דער אידישער שפּראַך פיהלט זיך גאַנץ שטאַרק. אין דער לעצטער צייט בעמערקען מיר אומעטום אַ שטיקעל בעוועגונג פאַר אַ פרייער אידישער ביהנע. עס זיינען פאַרהאַן יונגע מענשען, וואָס פיהלען אין זיך אַ פעהיגקייט אויפצוטרעטען אויף דער ביהנע, ניט אַלס פּראָפעסיאָנעלע שוישפּיעלער, נאָר אַלס ליעבהאָבער פון קונסט. אין די ערטער, וואו ס׳איז נאָך ניטאָ קיין רעכטער אידישער טהעאַטער און וואו אַ חברה פּורים-שפּיעלער פערטרעטען דעם פּלאַץ פון אמת׳ע אַקטיאָרען, איז די ענטוויקלונג פון אַ פרייע ביהנע איינפאַך פון דרינגענדער נויטווענדיגקייט. אָבער אום אויפצופיהרען גוטע טהעאַטער-שטיקער מוזען זיי פריהער זיין געדרוקט, און אַרויסגעבען טהעאַטער-שטיקער אויף אידיש איז ליידער ביז ניט לאַנג צוריק ניט געווען אין דער מאָדע.

טשעכאָוו׳ס צוויי איין-אַקטערס דאַרפען ניט האָבען אונזער הסכמה, וואָס איז שייך צו זייער ליטעראַרישען ווערטה. פאַר די יונגע לייט, וואָס ווילען ענטוויקלען דעם געשמאַק פון דעם אידישען טהעאַטער-בעזוכער און איהם אָבגעוועהנען פון שונד, זיינען זיי ווי געוואונשען. דערצו איז זיי לייכט אויפצופיהרען אָהן גרויסע שוויריגקייטען.

ווי מיר האָבען שוין געזאָגט, זיינען מיר דערווייל ניט אים שטאַנד צו אונטערנעהמען גרויסע אַרבייטען. דאָס זאָגט אָבער ניט, אַז איינע פון אונזערע ווייטערע אויסגאַבען זאָל ניט זיין אַ גרעסערעס ווערק פון אַ בעריהמטען אייראָפּעאישען שריפטשטעלער. עס הייננט נאַטירליך אָב פון דעם ערפאָלג פון אונזער אונטערנעהמונג, פון דעם אָבקלאַנג, וואָס די אויסגאַבען „פון פרעמדע לשונות" וועלען געפינען ביי דעם אידישען לעזע-פּובליקום. מיר האָפען, אַז די ליעבהאָבער פון גוטע ליטעראַטור וועלען אַנקוראַזשירען אונזער אַרבייט.

די אַרויסגעבער.

# דער בער

## א קאָמעדיע אין איין אקט.

### פערזאָנען:

**העלענא איוואַנאָוונא פּאָפּאָוו**, אַ יונגע אלמנה, גוטסבעזיצערין.
**גריגאָרי סטעפּאַנאָוויטש סמירנאָוו**, גוטסבעזיצער.
**לוקא**, מאַדאַם פּאָפּאָוו'ס משרת.
אַ גערטנער, אַ קוטשער, עטליכע אַרבייטער.

---

די האַנדלונג קומט פאָר אויף מאַדאַם פּאָפּאָוו'ס אימעניע.
צייט: די געגענוואַרט.

די ביהנע שטעלט פאָר דאָס גאַסט-צימער ביי מאַדאַם פּאָפּאָוו אין הויז. אין מיטען וואַנד אַנטקעגען די צושויער אַ טהיר און רעכטס פון איהר אַ גלעזערנע שאַפע מיט קונסט-זאַכען. לינקס אַ שטעה-שפּיעגעל מיט אַ דאַמען שרייב-טיש. אין דער רעכטער זייט אין דער וואַנד אַ פענסטער און לעבען דעם אַ טישעלע, אַרומגעשטעלט מיט פיער שטוהלען. אַנטקעגען פענסטער אין דער לינקער וואַנד אַ צווייטע טהיר און לעבען דעם, אין ווינקעל, אַ קאַנאַפּע, אַ לאַנגער טיש און דריי שטוהלען, צוויי אין דער לענג און איינער אין דער ברייט פון טיש.

### ערשטער אויפטריט

מאַדאַם פּאָפּאָוו, לוקאַ.

**מאַדאַם פּאָפּאָוו.** (אין טיעפען טרויער, זיצט אויף'ן קאַנאַפּע רעכטס און קוקט שטאַרק פערטיעפט אין אַ פאָטאָגראַפיע).

**לוקא.** ס'איז אַן עולה, בעל הבית'טע לעבען... איהר מאַכט אַ תל פון זיך. די דיענסט-מויד און די קעכין זיינען אַוועק זוכען יאַגדעס, אַלצדינג וואָס אָטהעמט פרעהט זיך און איז צופריעדען פון זיך אַליין, אפילו די קאַץ ווייסט אויך ווי אַזוי הנאה צו האָבען פון איהר לעבען— שפרינגט אַרום אין הויף און כאַפּט פויגעלאַך; נאָר איהר פינסטערט אָב דעם גאַנצינקען טאָג אין שטוב, פונקט ווי אין אַ קלויסטער, און ווייסט ניט פון קיין שום פרייד... יאָ, כלעבען, אַז מען זאָל ריכטיג בערעכענען, זייט איהר שוין אַ יאָהר נאָכאַנאַנד פון הויז ניט אַרויס.

**מאַדאַם פּאָפּאָוו.** און איך וועל קיינמאָל ניט אַרויסגעהן... נאָך וואָס? מיין לעבען איז געקאָנטשעט... ער ליגט אין קבר, איך האָב מיך צווישען אָט די פיער וועגד בעגראָבען... מיר זיינען ביידע געשטאָרבען.

www.libtool.com.cn


**לוקא.** אָט האָסט דו דיר! ס'איז גאָר ניט אויסצוהאַלטען, בנאמנות! ניקאָליי מיכאַילאָוויטש איז געשטאָרבען, ס'איז גאָט'ס רצון געטען אַזוי, זאָל איהם גאָט געבען די אייביגע רוה... איהר האָט זיך גענומען צום האַרצען, נו, וויפיעל איז דער שיעור? שוין צייט אויפצוהערען. מען קען ניט אייביג וויינען און טרויער-קליידער טראָגען. אויך מיר איז מיט יאָהרען צוריק מיין אַלטע אָבגעשטאָרבען... איך האָב זיך גענומען צום האַרצען, אַ חודש נאָכאַנאַנד האָב איך געוויינט און דאַן איז געווען גענוג. צי קען מען דען אייביג קלאָג-ליעדער זינגען? דאָס איז די אַלטע גאָר ניט ווערטה געווען. (ער זיפצט.) איהר האָט אָן אַלע שכנים פערגעסען... ניט איהר פאָהרט אַרויס, ניט איהר ווילט מען זאָל צו אייך קומען צו גאַסט. מיר לעבען, זייט מיר מוחל, אַזוי ווי די שפּינען, דעם ליעבען שיין פון טאָג זעהען מיר ניט. דעם ראָק, די ליווריע מיינע האָבען די מייז צופרעסען... און כ'וואָלט געזאָגט, ס'זיינען קיין גוטע מענשען ניטאָ, אָבער דער גאַנצער געגענד איז פול מיט סאַמע שררות... אין ריבלאָוו שטעהט דער רעגימענט, אָפיצירען—איינפאַך צוקער-געבעקס, מען קען זיך ניט זאַט אָנקוקען מיט זיי! און אין לאַגער איז יעדען פרייטאָג אַ באַל, און יעדען טאָג שפּיעלט די מיליטער-מוזיק... אַך, מיין טהייערינקע, גוטינקע בעל הבית'טיטשקע! אַזוי יונג און אַזוי שעהן ווי איהר זייט, מילך און בלוט, אַז איהר וואָלט נאָר געוואָלט הנאה האָבען פון אייער לעבען... די שעהנקייט האַלט ניט אָן אויף אייביג! אַז עס וועלען אַזוי אַריבערגעהן אַ צעהן יאָהרעלאַך, וועט איהר גערן וועלען צוריקכאַפּען און אַרויסגעהן אויף'ן יאַכט נאָך די העררן אָפיצירען, אבער ס'וועט שוין זיין צו שפּעט.

**מאַדאַם פּאָפּאָוו** (ענטשלאָסען). כ'בעט דיך, דו זאָלסט מעהר צו מיר ניט ריידען דערפון. דו ווייסט, אַז זינט ניקאָליי מיכאַילאָוויטש'ס טויט האָט מיין לעבען קיין שום ווערטה ניט... דו מיינסט, איך לעב, אָבער ס'דוכט זיך דיר נור אויס אַזוי... כ'האָב ביים קבר אַ נדר געטהאָן, אָט די טרויער-קליידער ניט אויסצוטהאָן און ווייט פון דער וועלט צו לעבען... דו הערסט? זאָל די נשמה זיינע זעהן, ווי איך האָב איהם ליעב... יאָ איך ווייס, ס'איז פאַר דיר קיין סוד ניט— ער איז אָפט געווען אונגערעכט אַנטקעגען מיר, גרויזאַם און... ער האָט מיך גענאַרט, אָבער איך וועל איהם בלייבען געטריי ביז צום קבר און איהם ווייזען ווי איך האָב געקענט ליעבען... דאָרט אויף יענער וועלט וועט ער מיך געפינען פונקט אַזוי ווי איך בין געווען ביז זיין טויט...

**לוקא.** נאָך וואָס אָט די ווערטער... אַז איהר וואָלט ליעבערשט געקענט אַרויסגעהן אין גאָרטען שפּאַצירען, צי הייסען איינשפּאַנען טאָבי'ן אָדער דעם וועליקאַן און אַריבערפאָהרען צו גאַסט צו די שכנים.

**מאַדאַם פּאָפּאָוו** (וויינט). אַך!

**לוקא.** בעלהבית'טע קרוין! מיין ליעבע, גוטע בעלהבית'טע! וואָס איז מיט אייך? אום גאָטעס ווילען!...

**מאדאם פאפאוו.** ער האָט טאָבי'ן אַזוי ליעב געהאַט! ער האָט איהם שטענדיג געהייסען איינשפאַנען, אַז ער איז געפֿאָהרען צו קאָרטשאַגין'ען און צו וולאַסאָוו'ן. ווי גרויסאַרטיג ער האָט עס אָנגעטריבען! ווי שעהן ער האָט עס אויסגעזעהן, בשעת ער פֿלעגט מיט אַלע כחות אַ ציה טהאָן די לייצעס צו זיך! דערמאָנסט זיך? טאָבי, טאָבי! היים, מען זאָל איהם היינט געבען אַן אַכטעל האָבער מעהר!

**לוקא.** צו בעפֿעהל.

(ס'הערט זיך אַ שטאַרקע קלינגעריי.)

**מאדאם פאפאוו** (טהוט אַ ציטער). וואָס איז דאָס? זאָג, אז איך נעהם קיינעם ניט צו!

**לוקא.** צו בעפֿעהל! (ער געהט אַרויס דורך דער מיטעלסטער טהיר.)

## צווייטער אויפטריט.

מאַדאַם פאָפאָוו אַליין.

**מאדאם פאפאוו** (קוקענדיג אויף דעם פאָרטרעט). וועסט זעהן, ניקאָל, ווי אַזוי איך קען ליעבען און מוחל זיין... די ליעבע מיינע וועט זיך מיט מיר אינאיינעם פֿערלעשען... אַז מיין אָרים האַרץ וועט אויפֿהערן קלאַפּען. (זי שמייכעלט אונטער טרעהרען.) און דו שעהמסט זיך גאָרניט? איך בין אַ בראַווע, געטרייע פֿרוי, כ'האָב זיך פֿערשפאַרט אַזוי ווי אין אַ תפיסה און כ'וועל דיר בלייבען געטריי ביז צום קבר, און דו... און דו... שעהמסט זיך גאָרניט, מיין ליעבער טייוועל! האָסט מיך בעשווינדעלט, האָסט מיר סקאַנדאַלען געמאַכט, האָסט מיך וואָכען לאַנג געלאָזען אַליין...

**לוקא** (קומט אַריין שטאַרק אויפֿגערעגט).

## דריטער אויפטריט.

מאַדאַם פאָפאָוו, לוקאַ.

**לוקא.** בעלהבית'טע לעבען, אימיצער פֿרעגט זיך אויף אייך, וויל אייך זעהן...

**מאדאם פאפאוו.** דו האָסט דאָך געזאָגט, אַז זינט מיין מאַן איז געשטאָרבען, נעהם איך קיינעם ניט צו?

**לוקא.** אַודאי האָב איך עס געזאָגט, אָבער ער וויל ניט וויסען דערפֿון. ער זאָגט, ס'איז זעהר אַ נייטיגער ענין.

**מאדאם פאפאוו.** איך נע—עהם קיינעם ניט צו!

**לוקא.** דאָס האָב איך דאָך איהם געזאָגט, ער איז אַ ווילדער מענש, ער האָט זיך געזידעלט און זיך איינפֿאַך אַריינגעשפאַרט מיט געוואַלד אין הויז אַריין... ער שטעהט שוין אין עסס־שטוב...


www.libtool.com.cn

**מאדאם פאפאוו.** (אויפֿגערעגט). גוט, לאָז איהם אַריין. אָט דאָס הייסט אַביסעל זיך אָנגעוואָרפֿען!

**לוקא.** (געהט אָב דורך דער מיטעלסטער טהיר).

**מאדאם פאפאוו.** ווי לעסטיג די מענשען זיינען! וואָס ווילען זיי פֿון מיר? פֿאַרוואָס לאָזען זיי מיך ניט צו רוה? (זי זיפֿצט) יאָ, ס'איז ניטאָ וואָס צו ריידען, כ'וועל ווירקליך מוזען געהן אין קלויסטער... (פֿערטראַכט זיך.) יאָ אין קלויסטער...

**סמירנאוו.** (קומט אריין, נאָך איהם לוקאַ).

## פערטער אויפטריט.

מאַדאַם פאָפאָוו, לוקאַ, סמירנאָוו.

**סמירנאוו.** (צו לוקאַ'ן). דוראַק, פלאַפּעלסט צופֿיעל... עזעל!...(דערזעהענדיג מאַדאַם פאָפאָוו, מיט רעספּעקט). מיין גנעדיגע, כ'האָב די עהרע, זיך פֿאָרצושטעלען: געוועזענער אַרטילעריי־ליטענאַנט, גוטס־בעזיצער, גריגאָרי סטעפאַנאָוויטש סמירנאָוו! כ'בין געצוואונגען, אייך צו בעלעסטיגען וועגען א זעהר וויכטיגען ענין...

**מאדאם פאפאוו.** (ניט געבענדיג איהם די האַנד). וואָס האָט איהר מיר צו זאָגען?

**סמירנאוו.** אייער זעליגער מאַן, מיט וועמען איך האָב געהאַט די עהרע בעקאַנט צו זיין, איז מיר שולדיג געבליבען צוויי וועקסלען, וואָס בעטרעפֿען אינאיינעם צוועלף הונדערט רובעל. אַזוי ווי איך דאַרף מאָרגען איינצאָהלען פראָצענט אין דער באַנק, וואָלט איך אייך געוואָלט בעטען, מיין גנעדיגע, מיר צו בעצאָהלען דאָס געלד נאָך היינט...

**מאדאם פאפאוו.** צוועלף הונדערט... און פֿאַרוואָס איז אייך מיין מאַן שולדיג געבליבען דאָס געלד?

**סמירנאוו.** האָבער האָט ער ביי מיר געקויפֿט.

**מאדאם פאפאוו.** (זיפֿצענדיג צו לוקאַ'ן). לוקאַ, ניט פֿערגעס אַלזאָ אָנזאָגען, מען זאָל טאָבי'ן געבען אַן אַכטעל האָבער מעהר.

**לוקא.** (געהט אָב).

**מאדאם פאפאוו.** (צו סמירנאָוו). אַז ניקאָליי מיכאַילאָוויטש איז דאָס אייך שולדיג געבליבען, וועל איך, פֿערשטעהט זיך, בעצאָהלען, אָבער ביטע, ענטשולדיגט, כ'האָב גראָד היינט דאָס געלד ניט ביי מיר. איבערמאָרגען קומט מיין געשעפֿטס־פֿיהרער צוריק פֿון דער שטאָדט, און איך וועל איהם הייסען, ער זאָל אייך בעצאָהלען וואָס אייך קומט, אָבער ביז דאַן קען איך אייער וואונש ניט ערפֿילען... אַחוץ דעם איז גראָד היינט געוואָרען זיבען חדשים, אַז מיין מאַן איז געשטאָרבען, און איך בין ניט אויפֿגעלייגט, זיך אָבצוגעבען מיט געלד־זאַכען.

**סמירנאוו.** און איך בין אַזוי אויפגעליינט, אַז ווען איך צאָהל מאָרגען ניט איין די פּראָצענט, וועל איך מוזען פליהען מיט'ן קאָפּ אַראָב און מיט די פּיס אַרויף דורך'ן קוימען. מען וועט מיר מיין גוט צונעהמען!

**מאדאם פאפאוו.** איבערמאָרגען קריגט איהר דאָס געלט.

**סמירנאוו.** כ'דאַרף דאָס געלד ניט איבערמאָרגען נאָר היינט.

**מאדאם פאפאוו.** פּערצייהט, היינט קען איך אייך ניט צאָהלען.

**סמירנאוו.** און איך קען ביז איבערמאַרגען ניט וואַרטען.

**מאדאם פאפאוו.** וואָס זאָל איך אָבער טהאָן, אַז איך האָב עס פאָרט ניט איצט!

**סמירנאוו.** איהר קענט ניט צאָהלען, הייסט עס?

**מאדאם פאפאוו.** איך קען ניט...

**סמירנאוו.** הם... דאָס איז אייער לעצט וואָרט?

**מאדאם פאפאוו.** יאָ, דאָס לעצטע.

**סמירנאוו.** דאָס לעצטע? בעשטימט?

**מאדאם פאפאוו.** בעשטימט.

**סמירנאוו.** א שעהנעם דאַנק אייך. ס'איז גוט צו וויסען. (ער ציהט מיט די פּלייצעס.) און דאָ פּערלאַנגט מען נאָך, איך זאָל זיין קלאַטבליטיג! דער אַקציזניק בעגעגענט מיר נאָר וואָס אויף'ן וועג און פּרעגט: „פאַרוואָס נעהמט איהר זיך תמיד צום האַרצען, גריגאָרי סטעפּאַנאָוויטש?" יאָ, כ'בעט אייך, ווי אַזוי זאָל איך זיך ניט נעהמען צום האַרצען? כ'דאַרף האָבען געלד, דער חלף ליגט מיר אויף'ן האַלז... נעכטען אין דער פּריה בין איך בעגינען צו טאָג אַרויסגעפּאָהרען פון הויז און כ'בין געוועזן ביי אַלע בעלי חובות מיינע. ווען איינער פון זיי וואָלט כאָטש בעצאָהלט זיין חוב! אָבגעשוּנדען האָב איך זיך, אַזוי ווי אַ הונד, כ'האָב איבערגענעכטיגט, ווייסט דער טייוועל וואו, ערגעץ אין אַ אידעשער קרעטשמע, לעבען אַ פאַס מיט בראַנפּען... ענדליך קום איך שוין אַהער, זיבעציג וויאָרסט פון דער היים, און האָף צו קריגען געלד, נו, איז מען מיר מכבד מיט „אויפגעליינגטקייט!" ווי אַזוי זאָל איך זיך ניט נעהמען צום האַרצען?

**מאדאם פאפאוו.** איך גלויב, כ'האָב אייך דייטליך געזאָגט: דער געשעפטס־פיהרער וועט צוריקקומען פון שטאָדט, דאַן קריגט איהר דאָס געלד.

**סמירנאוו.** איך בין ניט געקומען צום געשעפטס־פיהרער, נאָר צו אייך! צו'ן אַלדע שוואַרץ יאָהר—ניט נעהמט פאַר אומגוט דעם אויסדרוק, אָבער וואָס געהט מיך אייער געשעפטס־פיהרער אָן!


www.libtool.com.cn

**מאדאם פאפאוו.** ענטשולדיגט, געעהרטער הערר, איך בין ניט געוואוינט ניט צו אייערע מאָדנע אויסדריקע און ניט צו אַזאַ טאָן. כ'האָב מיט אייך מעהר ניט וואָס צו ריידען. (זי געהט אויף גיך אָב נאָך לינקס.)

## פינפטער אויפטריט.

סמירנאָוו אַליין.

**סמירנאוו.** וואָס זאָגט מען פאָרט דערצו? איז ניט אויפגעליינגט! פאַר זיבען חדשים איז דער מאַן געשטאָרבען! אָבער דאַרף איך איינצאָהלען פּראָצענט צו ניט? כ'פּרעג, מוז איך צאָהלען פּראָצענט צו מוז איך ניט? נו יאָ, דער מאַן איז געשטאָרבען, ניט אויפגעליינגט און אַלערליי שטיק.. דער געשעפטס־פיהרער, כאַפּט איהם דער קאַדיק אי ערגעץ אַוועקגעפאָהרען, נו זאגט פאָרט, וואָס זאָל איך טהאָן? זאָל איך אפשר אין אַ לופט־באַלאָן אַוועקפליהען פאַר מיינע חובות? אָדער זיך שלאָגען קאָפּ אָן וואַנד? קום איך צו גרוזדעוו'ן, איז ער ניטאָ אין דערהיים, איראָשעוויטש האָט זיך איינפאַך בעהאַלטען, מיט עקורצינען האָב איך זיך צוקריגט אויף טויט און איך האָב איהם שיער ניט אַרויסגעוואָרפען דורך'ן פענסטער, מאַזוטאָוו האָט די לויפעניש און אָט די דאָ—ניט אויפגעליינגט! קיין שום הונד וויל ניט צאָהלען! און דאָס איז אַלצדינג נאָר מחמת דעם, וואָס איך האָב זיי אַלעמען צופיעל פערצויגען, ווייל איך בין אַ קלאָג־מוטער, אַ שמאַטע, אַן אַלטע באבע! כ'האָב צופיעל איינזעהעניש מיט זיי! אָבער וואַרט אַקאָרשט! איהר וועט נאָך וויסען ווער איך בין! איך ערלויב קיינעם ניט, מיט מיר שפּאָס צו מאַבען, צו'ן אַלדע שוואַרץ יאָהר! כ'בלייב דאָ און איך וועל זיך פון אָרט ניט ריהרען, ביז וואַנעט זי וועט בעצאָהלען! בררר!... ווי בייז איך בין היינט, ווי שרעקליך בייז איך בין! פאַר בייזקייט ציטערן מיר אַזש די נערווען און כ'קען דעם אָטהעם ניט אָבכאַפּען... פּפוי, מיין גאָט! איבעל, ניט־גוט ווערט מיר דערפון. (ער שרייט.) דיענער!

**לוקא** (קומט אַריין).

## זעקסטער אויפטריט.

סמירנאָוו, לוקאַ.

**לוקא.** וואָס פּערלאַנגט מיין הערר?

**סמירנאוו.** גיב מיר קוואַס אָדער וואַסער!

**לוקא** (געהט אָב).

**סמירנאוו.** ניין, וואָס זאָגט מען דערצו! זי האָט עס ניט ביי דער האַנד! האָסט געהערט אַ לאָגיק! אַ מענשען ליגט דער חלף אויף'ן האַלז, ער דאַרף געלד, ער האַלט דערביי, זיך אויפצוהיינגען, און זי צאָהלט ניט, ווייל זי איז ניט אויפגעליינגט, זיך אָבצוגעבען מיט געלדזאַכען. נאַ דיר! עכטע פרויען־לאָגיק, טאַליע־לאָגיק! דעריבער האָב

איך קיינמאָל גיט געוואָלט ריידען מיט קיין פֿרויען, און כ'טהו עס אויך איצט ניט גערן. ס'איז מיר אסך גרינגער צו זיצען אויף אַ פֿאַס מיט פּולווער, איידער צו ריידען מיט אַ פֿרוי. ברררר!... אַן אייז־קאַלטער שוידער געהט מיר אַריבער איבער'ן לייב, אַזוי האָט מיך אָט די טאַליע דערצאָרנט! כ'דאַרף נאָר פֿון ווייטען דערזעהן אַזאַ פּאָעטישע בעשעפֿעניש, קריג איך גלייך קרעמפּפֿען אין די קניע, פֿאַר כעס, און איך פֿאַל איינפֿאַך פֿון די פֿיס.

**לוקא** (קומט אַריין).

## זיבעטער אויפטריט.

סמירנאָוו. לוקאַ.

**לוקא** (דערלאַנגט איהם וואַסער). די בעל הבית'טע איז קראַנק און נעהמט קיינעם ניט צו.

**סמירנאוו.** אַרויס פֿון דאַנען!

**לוקא** (געהט אָב).

**סמירנאוו.** קראַנק און נעהמט קיינעם ניט צו! איז ניט געפֿידעלט... נעהם ניט צו! איך בלייב און וועל דאָ זיצען, ביז דו וועסט געבען דאָס געלד... וועסט דו זיין קראַנק אַ וואָך, וועל איך זיצען דאָ אַ וואָך... וועסט דו קראַנק זיין אַ יאָהר, וועל איך דאָ בלייבען אַ יאָהר...שוועסטערקע, כ'וועל שוין מיין געלד יאַקאָש אַרויסקריגען! מיך נעהמסט דו גיט מיט די טרויער־קליידער, אויך ניט מיט די גריבעלאַך און די באַקען... מיר קענען די דאָזיגע גריבעלאַך! (ער שרייט אַרויס דורך'ן פֿענסטער). סימיאָן שפּאַן אויס! מיר פֿאָהרען גיט אַזוי גיך צוריק; כ'בלייב דאָ. זאָג דאָרט אין שטאַל, מען זאָל געבען די פֿערד האָבער! דו אָקס וואָס דו ביסט, דער לינקער פֿערד האָט זיך שוין ווידער פֿערפּלאָנטערט אין די לייצעס. (מיט שפּאָט). טהוט גאָר נישט... כ'וועל דיר שוין ווייזען, טהוט גאָרנישט... (געהט אַוועק פֿון פֿענסטער.) ס'איז זעהר שלעכט... אַ היץ גיט צום אויסהאַלטען, קיינער צאָהלט ניט, די נאַכט האָב איך שלעכט געשלאָפֿען און דאָ האָסט דו דיר די טרויער־שלעפּע מיט אַ פּאָרציע ניט־אויפֿגעלייגטקייט... דער קאָפּ טהוט וועה... זאָל איך אפשר גאָר נעהמען אַ שנאַפּס? מילא... לאָמיר געהמען איינעם... (שרייט.) דיענער!

**לוקא** (קומט אַריין). וואָס ווילט איהר?

**סמירנאוו.** אַ גלעזעל שנאַפּס!

**לוקא** (געהט אָב).

**סמירנאוו** (זעצט זיך און בעטראַכט זיינע קליידער). אוף! אַ פֿיינער הילוך! ניטאָ וואָס צו ריידען! פֿערשטויבט, שמוציגע שטיוועל, ניט אַרומגעוואַשען, ניט פֿערקעמט, שטרוי אויף דער וועסט; די גנעדיגע



www.libtool.com.cn

האָט מיך איינפֿאַך אָנגענומען פֿאַר אַ רויבער. (ער גענעצט). ס'איז געווען אַביסעל גיט העפֿליך אַריינצוקומען אין אַ גאַסט־צימער אין אַזעלכע קליידער, נו יאָ, ס'מאַכט גיט אויס... כ'בין דאָ גיט קיין גאַסט, נאָר אַ געלד־מאָהנער, און פֿאַר אַ געלד־מאָהנער איז קיין אונגליק גיט אין וואָס פֿאַר אַ קאָסטיום ער זאָל גיט געהן.

**לוקא.** (קומט מיט'ן שנאַפּס). איהר ערלויבט זיך צופֿיעל, מיין הערר...

**סמירנאוו.** (מיט כעס). וואָס?

**לוקא.** איך.. כ'האָב גאָרנישט... כ'האָב אייגענטליך...

**סמירנאוו.** צו וועמען רעדסט דו?! האַלט מויל!

**לוקא.** (אָן אַ זייט.) אַזאַ בעשעהרטע צרה! אָט דער שד האָט זיך אָנגעזעצט אויף אונזער קאָפּ. (ער געהט אָב).

**סמירנאוו.** אַך גאָט, ווי בייז יזיך בין! אַזוי בייז, אַז איך וואָלט, דוכט זיך, די גאַנצע וועלט געקענט צומאָלען אויף שטויב... ס'ווערט מיר זאָגאַר ניט גוט אויף'ן האַרצען דערפֿון... (ער רופֿט) דיענער!

## אכטער אויפטריט.

מאַדאַם פּאָפּאָוו, סמירנאָוו.

**מאדאם פאפאוו.** (קוקט מיט אַראָבגעלאָזטע אויגען.) גערעהרטער הערר, אין מיין איינזאַמקייט האָב איך מיך אין גאַנצען אָבגעוועהנט פֿון מענשען־שטימען און כ'קען ניט פֿערטראָגען קיין געשריי. איך בעט אייך זעהר, ניט שטערט מיר מיין רוה!

**סמירנאוו.** צאָהלט מיר מיין געלד און איך פֿאָהר אַוועק.

**מאדאם פאפאוו.** כ'האָב אייך אָקאָרשט געזאָגט אין אייער מוטער־שפראַך: כ'האָב דאָס געלד איצט ניט ביי דער האַנד , וואַרט ביז איבער־מאָרגען.

**סמירנאוו.** אויך איך האָב געהאַט די עהרע אייך אין אייער מוטער־שפראַך צו זאָגען, אַז דאָס געלד מוז איך האָבען ניט איבערמאָרגען, נאָר היינט. אַז איהר צאָהלט מיר גיט היינט, מוז איך זיך מאָרגען אויפֿהייגגען...

**מאדאם פאפאוו.** וואָס זאָל איך אָבער טהאָן, אַז איך האָב פֿאָרט גיט דאָס געלד? ווי מאָדנע!

**סמירנאוו.** איהר צאָהלט, הייסט עס, ניט גלייך? ניט?

**מאדאם פאפאוו.** כ'קען ניט...

**סמירנאוו.** דאַן בלייב איך דאָ און וועל אַזוי לאַנג זיצען, ביז איך קריג דאָס געלד. (ער זעצט זיך.) איהר וועט צאָהלען איבערמאָרגען? אויסגעצייכענט! בלייב איך ביז איבערמאָרגען. (שפּרינגט

אויף.) כ'פֿרעג אייך: מוז איך מאָרגען צאָהלען פּראָצענט צו ניט ?... אָדער גלויבט איהר, איך טרייב שפּאַס ?

**מאדאם פאפאוו.** געעהרטער העהר, כ'בעט אייך, שרייט ניט! דאָ איז ניט קיין שטאַל!

**סמירנאוו.** כ'פֿרעג ביי אייך ניט נאָך'ן שטאַל, נאָר צי מוז איך מאָרגען אויסקלייגען די פּראָצענט צו ניט ?

**מאדאם פאפאוו.** איהר ווייסט ניט, ווי אַזוי זיך צו בענעהמען מיט אַ דאַמע.

**סמירנאוו.** נישקשה, כ'ווייס, ווי זיך צו בענעהמען מיט דאַמען.

**מאדאם פאפאוו.** ניין, איהר ווייסט עס ניט איהר זייט אַ אונגעצויגענער, גראָבער מענש. אַנשטענדיגע לייט ריידען ניט אַזוי מיט דאַמען!

**סמירנאוו.** אַך, אַזוי גאָר! ווי ווילט איהר זאָל מען פֿאָרט מיט אייך ריידען? פֿראַנצויזיש אפשר? (פֿערקרימענדיג די ליפּען.) Madame, je vous prie... ווי גליקליך בין איך, וואָס איהר בעצאָהלט מיר נישט דאָס געלד... פּאַרדאָן, וואָס איך האָב אייך געשטערט! וואָס פֿאַר שעהן וועטער מיר האָבען היינט! און ווי פֿיין אָט די טרויער־קליידער פּאַסען אייך! (ער פֿערנייגט זיך מיט שפּאָט.)

**מאדאם פאפאוו.** גאָר ניט וויציג, נאָר גראָב.

**סמירנאוו.** (איבערקרימענדיג.) ניט וויציג, נאָר גראָב! איך ווייס זיך ניט ווי אויפֿצופֿיה'רען אין דאַמען־געזעלשאַפֿט! מיין גנעדיגע, כ'האָב אין מיין לעבען אַסך מעהר פֿרויען געזעהן ווי איהר וואָראָבייטשיקעס! דריי מאָל בין איך צוליעב פֿרויען אויף דועלען געגאַנגען, מיט צוועלף פֿרויען האָב איך געשלאָגען כפּרות, ניין האָבען מיט מיר כפּרות געשלאָגען! נו יאָ! ס'איז געווען אַ צייט, ווען איך בין געווען אַ נאַרעלע, ווערטער האָניג־זיס האָבען זיך מיר פֿון די ליפּען געגאָסען, געבויגען און פֿערנייגט האָב איך זיך און קאָמפּלימענטען געמאַכט... כ'האָב געליעבט, געליטען, אַנטקעגען דער לבנה געזיפֿצט, צוגאַנגען בין איך אין הוילער ליעבע. כ'האָב געליעבט ליידענשאַפֿטליך, מיט אַלע סטרונעס פֿון מיין נשמה, כ'בין שיער ניט משוגע געוואָרען ליעבענדיג. און ווי אַ פֿויגעלע האָב איך געבאַלאַקעט וועגען דער פֿרויען־עמאַנציפּאַציאָן, אַ האַלבעס פֿערמעגען האָב איך צוליעב די דאָזיגע צערטליכע געפֿיהלען פֿערשוואונדעט, אָבער איצט, זאָל מיך דער טייוועל נעהמען, ס'איז גענוג! ניין, מיין גנעדיגע, אַצונד לאָז איך זיך שוין מעהר פֿון אייך ניט אַרומפֿיהרען ביי דער נאָז. גענוג! „שוואַרצע אויגען, פֿייערדיגע אויגען, רויטע ליפּען, גריבעלאַך אין די באַקען, לבנה־שיין, שושקעריי, שטילעס אָטהעמען"—פֿאַר דעם אַלעמען, הערט איהר, גיב



www.libtool.com.cn

איך היינט ניט קיין קופּערנעם גראָשען אפילו! איך רייד ניט פֿון די אַנוועזענדע, אָבער אַלע פֿרויען, פֿון דער קלענסטער ביז דער גרעסטער, זיינען אויפֿגעבלאָזען, חניפה'ניצעס, פּלאַפּלערקעס, פֿערדאָרבען, פֿאַלש פֿון קאָפּ ביז די פֿיס; פּוסט, קליינליך, גרוזאַם, מיט אַ שרעקליכער לאָגיק, און וואָס איז שייך דערצו (ער גיט זיך אַ פּאַטש אין שטערן.) ניט נעהמט פֿאַר אומגוט מיין אָפֿענהערציגקייט, אָבער הערט איהר? אַן איינפֿאַכער וואָראָבייטשיק האָט מעהר חכמה אין פּיאַטע ווי וואָס פֿאַר עס איז מיניסטער־קאָפּ אין ווייבערשע קליידער! אַז מען דערזעהט אַזאַ מין פּאָעטישע בריה פֿאַר זיך, מיינט מען ס'איז עפּעס אַ הימליש, געטליך וועזען, אַזוי וואונדער־שעהן, אַ ציה נור מיט'ן אָטהעם און מען צוגעהט אין טויזענד ענטציקונגען, אין סאַמע פֿרייד. קוקט מען אָבער אַריין אין דער נשמה אַריין—דערזעהט מען אַ געוועהנליכען קראָקאָדיל! (ער כאַפּט אָן אַ שטוהל ביי דער פּאַרענטשע, דער שטול ווערט צובראָכען אויף צווייען.) דאָס וואָס רעגט מיך אָבער אויף מעהר פֿון אַלצדינג איז, וואָס דער דאָזיגער קראָקאָדיל איז נאָך ביי זיך איינגעבילדעט, רעדט זיך נאָך איין, אַז ער איז דאָס „מייסטער־ווערק", אַז די צאַרטע, ווייכע געפֿיהלען זיינען נור זיין מאָנאָפּאָל, קיין אַנדערער קען זיי גאָר ניט האָבען. כאַפּט עס דער רוח, איהר קענט מיך אויפֿהיינגען דאָ אויף דעם דאָזיגען טשוואָק מיט די פֿיס אַרויף, אויב די פֿרוי קען גאָר אימיצען ליעב האָבען, אַחוץ איהר זיידענע קלייד. אַז זי ליעבט, ווייסט זי נור איין זאַך: יאָמערן אָדער טרעהרען פֿערגיסען. וואו דער מאַן ליידט און ברייננגט אָפּפֿער, דאָרט דריקט זיך איהר גאַנצע ליעבע אויס אין דעם, וואָס זי דרעהט זיך אַרום מיט איהר שלעפּ־קלייד אַהין און אַהער און וויל דעם מאַן אַרומפֿיהרען פֿאַר'ן נאָז. איהר האָט דאָס אונגליק צו זיין אַ פֿרוי, קענט איהר דאָך אודאי די פֿרויען־נאַטור, טוּ זאָגט מיר, כ'בעט אייך, אויף אייער עהרען־וואָרט: צו האָט איהר שוין אין אייער לעבען געזעהן אַ פֿרוי, וואָס זאָל זיין אויפֿריכטיג, געטריי און אָנהאַלטען איהר ליעבע אויף אַ לאַנגע צייט? איהר האָט זי ניט געזעהן! געטריי און איבערגעבען זיינען נור די אַלטע און די מיאוס'ע. איהר וועט גיכער טרעפֿען אַ קאַץ מיט הערנער אָדער אַ ווייסען וואַלדהאָהן איידער אַ געטרייע פֿרוי!

**מאדאם פאפאוו.** אָבער זייט אַזוי גוט, ווער דען איז נאָך אייער מיינונג נאָך געטריי און שטאַנדהאַפֿטיג אין דער ליעבע? דער מאַן אפשר?

**סמירנאוו.** פֿערשטעהט זיך! דער מאַן!

**מאדאם פאפאוו.** דער מאַן! (זי לאַכט איראָניש.) דער מאַן איז געטריי און האַלט זיך שטענדיג מיט זיין ליעבע! דאָס איז אָבער עפּעס גאַנץ נייעס! (ביטער.) מיט וואָס פֿאַר אַ רעכט

זאָגט איהר דאָס! די מענער און געטריי, איבערגעגעבען אויף אייביג! אַז מיר זיינען שוין יאָ געקומען אַזוי ווייט, וועל איך אייך זאָגען, אַז פון אַלע מענער וואָס איך האָב נעקענט און קען, איז דער זעלינער מאַן מיינער נעוועזן דער בעסטער... כ'האָב איהם ליידענשאַפטליך נעליעבט, מיט אַלע מיינע געפיהלען, ווי אַ יונגע, דענקענדע פרוי קען נור ליעבען; כ'האָב איהם אָבגעגעבען אַלצדינג: מיין יוגענד, מיין גליק, דאָס לעבען, מיין פערמעגען, פערגעטערט און פערהייליגט האָב איך איהם, אַזוי ווי אַ געצענ־דיענער און... און וואָס איז דער סוף געוועזן? אָט דער בעסטער פון אַלע מענער האָט מיך אָבגענאַרט אויף שריט און טריט אויף דעם געמיינסטען אופן. נאָך זיין טויט האָב איך אין שרייב־טיש געפונען אַ פולען שופלאָד מיט ליעבעס־בריעף און ביים לעבען—ס'שוידערט מיר זיך צו דערמאָנען אָן דעם—האָט ער מיך גאַנצע וואָכען נאָכאַנאַנד געלאָזען אַליין, פאַר מיר אין די אויגען האָט ער זיך צו אַנדערע פרויען געשאַרט, אָבגעטהאָן אַלערליי מעשים הינטער מיין רוקען, מיין נעלד פערשווענדעט און זיך אויסגעלאַכט פון מיינע נעפיה־לען... און ניט קוקענדיג דערויף האָב איך איהם געליעבט און בין טריי געוועזן... יאָ נאָך מעהר, ער איז געשטאָרבען און איך בין איהם נאָך אַלץ געטריי. כ'האָב מיך אויף אייביג צווישען די פיער וועגד בענראָבען און ביז צום טויט וועל איך אָט די טרויער־קליידער ניט אויסטהאָן...

**סמירנאוו** (מיט אַ פערעכטליכען געלעכטער.) טרויער־קליידער!... כ'פער־שטעה גאָר ניט פאַר וועמען איהר האַלט מיך. אַקוּ־ראַט ווי איך וואָלט ניט געוואוסט, נאָך וואָס איהר טראָגט דאָס דאָזי־גע שוואַרצע קלייד און פאַרוואָס איהר האָט זיך צווישען די פיער וועגד בעגראָבען. צי איך וויים עס! דאָס איז אַזוי טומאַנע, פאָעטיש! עפעס אַן אָפיציר וועט דורכפאָהרען פערביי דעם פריצישען הויז, אָדער אַ ליימענער גולם אַ פאָעט וועט אַרויפקוקען אין די פענסטער און זיך טראַכטען: „אָט דאָ לעבט די נעהיימניספאָלע תמר, וועלכע האָט זיך אוים ליעבע צו איהר מאַן בעגראָבען צווישען די פיער וועגד." נישקשה, מיר קענען אָט די קונץ־שטיק.

**מאדאם פאפאוו** (שפרינגט אויף.) וואָס? ווי דערוועגט איהר זיך, מיר דאָס אַלצדינג צו זאָגען?

**סמירנאוו.** איהר האָט זיך בעגראָבען לעבעדיגערהייט, איהר האָט אָבער דערביי ניט פערגעסען, זיך אָנפודערן דאָס געזיכט!

**מאדאם פאפאוו.** ווי סמייעט איהר נאָר, מיט מיר אַזוי צו ריידען?

**סמירנאוו.** שרייט ניט, כ'בעט אייך, איך בין ניט אייער געשעפטס־פיהרער! ערלויבט מיר אָנרופען די זאַכען ביים ריכטיגען

www.libtool.com.cn



נאָמען. איך בין ניט קיין פרוי און כ'בין געוועהנט מיין מיינונג אָפען אַרויסצוזאָגען! כ'בעט אייך אַלזאָ, שרייט ניט!

**מאדאם פאפאוו.** ניט איך שריי, נאָר איהר שרייט. לאָזט מיך צו רוה, כ'בעט אייך!

**סמירנאוו.** בעצאָהלט מיר דאָס געלד, וועל איך אַוועקפאָהרען.

**מאדאם פאפאוו.** כ'וועל אייך דאָס געלד ניט געבען.

**סמירנאוו.** ניט? איהר גיט עס אַלזאָ ניט?

**מאדאם פאפאוו.** אייך אויף צו להכעים וועט איהר קיין קאָפיקע ניט קריגען! איהר זאָלט מיך צו רוה לאָזען!

**סמירנאוו.** כ'האָב ניט דאָס פערגנינען צו זיין דער מאַן אָדער דער חתן אייערער, און כ'בעט אייך דעריבער, נור קיין סקאַנ־דאַלען! (ער זעצט זיך.) איך פערטראָג עס ניט.

**מאדאם פאפאוו.** (סאָפענדיג פאַר צאָרן.) איהר זעצט זיך גאָר?

**סמירנאוו.** כ'זיץ שוין.

**מאדאם פאפאוו.** כ'בעט אייך, געהט!

**סמירנאוו.** בעצאָהלט דאָס געלד! (אָן אַ זייט.) אַך, ווי בייז איך בין, ווי בייז!

**מאדאם פאפאוו.** מיט אונפערשעהמטע מענשען וויל איך ניט ריידען. אַרוים פון דאַנעט! (פויזע) איהר געהט ניט? ניין?

**סמירנאוו.** ניין.

**מאדאם פאפאוו.** ניין?

**סמירנאוו.** ניין.

**מאדאם פאפאוו.** גוט... (זי קלינגט מיט'ן גלעקעל.)

## ניינטער אויפטריט.

די פריהערדיגע. לוקאַ.

**מאדאם פאפאוו.** לוקאַ, פיהר אַרוים אָט דעם הערר דאָ!

**לוקא.** (געהט צו צו סמירנאָוו'ן.) מיין הערר, נעהט דאָך אַרוים, אַז מען הייסט אייך, וואָס ווילט איהר דאָ...

**סמירנאוו.** (שפרינגט אויף.) האַלט דעם שנוק! מיט וועמען רעדכט דו? איך מאַך פון דיר אַש!

**לוקא.** (כאַפט זיך אָן ביים האַרצען.) גרויסער גאָט! (ער פאַלט אין אַ שטוהל.) אַך, ס'איז מיר שלעכט, כ'קען דעם אָטהעם ניט אָבכאַפען;

**מאדאם פאפאוו.** וואו איז דאַשאַ? (רופט) דאַשאַ! פעלאַגעיאַ? דאַשאַ! (זי קלינגט.)

**לוקא.** אַך, זיי זיינען אַלע אַוועק זוכען יאַגדעס... קיינער איז ניטאָ אין דערהיים! ס'איז מיר שלעכט! וואַסער!

**מאַדאַם פּאַפּאָוו** (צו סמירנאָוו'ן) טראָגט זיך פון דאַנעט! וואָן!

**סמירנאָוו.** ווילט איהר ניט זיין אַביסעל העפליכער?

**מאַדאַם פּאַפּאָוו** (צונויפדריקענדיג די פויסטען און קלאַפּענדיג מיט די פיס). איהר זייט אַ גראָביאַן! אַ גראָבער בער! אַ שד!

**סמירנאָוו.** וואָס, וואָ—אָס האָט איהר געזאָגט?

**מאַדאַם פּאַפּאָוו.** כ'האָב געזאָגט, אַז איהר זייט אַ בער, אַ שד!

**סמירנאָוו** (געהט צו מיט שנעלע טריט נעהענטער צו איהר). אָבער זייט אַזוי גוט, וואָס פאַר אַ רעכט האָט איהר, מיך צו בעליידיגען?

**מאַדאַם פּאַפּאָוו.** יאָ, איך בעליידיג אייך. וואָס איז אַזוינס? איהר מיינט, איך האָב מורא פאַר אייך?

**סמירנאָוו.** און איהר מיינט אַפּנים, אַלס פּאָעטיש בריאה'לע האָט איהר אַ רעכט צו בעליידיגען און בלייבען אונבעשטראָפט? איך פאָדער אייך אויף!... אָט האָט איהר עס...

**לוקא.** דערבאַרימדיגער גאָט! וואַסער!

**סמירנאָוו.** אַ דועל מוז זיין!

**מאַדאַם פּאַפּאָוו.** איהר מיינט, דערפאַר וואָס איהר האָט שטאַרקע פויסטען און אַ האַלז פון אַ בורלאַק, האָב איך מורא פאַר אייך? גראָביאַן וואָס איהר זייט!

**סמירנאָוו.** צום דועל! איך ערלויב קיינעם ניט, מיך צו בעליידיגען, און מאַך זיך קיין צימעס ניט דערפון וואָס איהר זייט אַ דאַמע, אַ צאַרט וועזענדעל!

**מאַדאַם פּאַפּאָוו** (סטאַרעט זיך איהם איבערצושרייען). בער! בער! בער!

**סמירנאָוו.** ס'איז שוין צייט אַמאָל, אַוועקצומאַכען מיט דעם אַלטען פאָראורטהייל, אַז נור דער מאַן איז מחויב אָבגעבען דין וחשבון פאַר אַ בעליידיגונג. אַז גלייכע רעכטע, טו זאָל זיין גלייכע רעכטע אין אַלצדינג, צו'ן אַלדע שוואַרץ יאָהר! צום דועל.

**מאַדאַם פּאַפּאָוו.** איהר ווילט זיך אַלזאָ דועלירען? מהיכי תיתי!

**סמירנאָוו.** טאַקי שוין!

**מאַדאַם פּאַפּאָוו.** שוין די מינוט! דער מאַן מיינער האָט געהאַט פיסטוילען... כ'ברייננג זיי שוין אַריין. (זי געהט איי־לענדיג אָב און קעהרט זיך אום.) אָה, מיט וואָס פאַר אַ פערגניגען וועל איך אייך אריינזאָגען די קויל אין דעם אונפערשעהמטען שטערן אַריין! דער טייוועל זאָל אייך נעהמען! (געהט אָב.)

www.libtool.com.cn



**סמירנאָוו.** ווי אַ היהנדרעלע וועל איך זי דערשיסען! נישקשה, כ'בין ניט קיין גרין אינגעל, קיין סענטימענטאַלער, יונגער הונד! פאַר מיר זיינען ניטאָ קיין צאַרטע ברואים!

**לוקא.** פאָטערל, (ער פאַלט אויף די קניע.) האָב רחמנות אויף מיר, אויף אַן אַלטען מאַן, טהו מיר אַ טובה און געה אַוועק פון דאַנען! דו האָסט מיך דערשראָקען אויף טויט און איצט ווילסט דו זיך נאָך שלאָגען אויף אַ דועל!

**סמירנאָוו** (הערט איהם ניט). דועלירען... אין דעם ליגט די גלייכבערעכטיגונג, די עמאַנציפּאַציאָן! דערביי זיינען ביידע געשלעכטען גלייך. אויס פּרינציפּ וועל איך זי דערשיסען. אָבער וואָס זאָגט מען פאָרט צו אַזאַ פרוי? (נאָכאַהמענדיג.) „דער טייוועל זאָל אייך נעהמען! איך וועל אייך אַריינזאָגען די קויל אין דעם אונפערשעהמטען שטערן אַריין!" וואָס זאָגט מען דערצו? האָט זיך צוקאָכט, די אויגען האָבען זיך צובליצט... זי האָט אָנגענומען די פאָדערונג. אויף מיין עהרען־וואָרט, צום ערשטען מאָל אין מיין לעבען זעה איך אַזאַ פרוי!

**לוקא.** פאָטערל, געה אַוועק! געה אַוועק פון דאַנען!

**סמירנאָוו.** אָט דאָס הייסט אַ פרוי! דאָס בעגרייף איך. אַן אמת'ע כוואַטסקע ווייבעל, ניט קיין וויינער טייג, ניט צורונען, נאָר פייער, שיס־פולווער, אַ ראַקעטע! ס'אַ שאָד אַזאַ פרוי צו דערשיסען!

**לוקא** (וויינט). פאָטערל, געה אַוועק!

**סמירנאָוו.** זי געפעלט מיר אויסגעצייכענט! אויסגעצייכענט! מיט די גריבלאַך אין די באַקען אפילו געפעלט זי מיר! איך בין זאָגאַר גרייט, איהר דעם חוב נאָכצולאָזען... און דער כעס איז מיר פערגאַנגען... אַ מערקווירדיגע פרוי!

**מאַדאַם פּאַפּאָוו** (קומט מיט די פיסטוילען).

## צעהנטער אויפטריט.

די פריגע, מאַדאַם פּאָפּאָוואַ.

**מאַדאַם פּאַפּאָוו.** אָט זיינען די פיסטוילען... אָבער איידער מיר געהען זיך דועלירען, ווייזט מיר, כ'בעט אייך, ווי אַזוי מען שיסט... כ'האָב נאָך קיין מאָל אין לעבען קיין פיסטויל אין האַנד ניט געהאַלטען.

**לוקא.** גאָט זאָל זיך אויף אונז דערבאַרעמען! כ'וועל געהן נאָך'ן גערטנער מיט'ן קוטשער... פון וואַנען האָט זיך גענומען אויף אונז דאָס דאָזיגע אָנשיקעניש? (ער געהט אָב.)

**סמירנאָוו** (בעטראַכט די פיסטוילען). זעהט איהר, ס'זיינען דאָ פערשיעדענע סאָרטען פיסטוילען... פאַראַן ספּעציעלע דועל־פיסטוילען פון

מאָרטימער, מיט שיידלאַך. אָבער דאָס זיינען רעוואָלווער, סמיטה און וועסאָן'ס סיסטעם, מיט אַן עקסטראַקטאָר... גרויסאַרטיגע פּיסטוילען אַזאַ פּאָר קאָסטען וויינינגסטענס ניינציג רובעל... אַזוי מוז מען דעם רעוואָלווער האַלטען... (אָן אַ זייט.) אָט די אויגען, אָט די אויגען! אַ פייערדיגע פרוי!

**מאדאם פאפאוו.** אַזוי?

**סמירנאוו.** יאָ, אַזוי... דאַן עפענט אָב דאָס רעהרעל... אָט... אַזוי שטעלט אַן... דעם קאָפּ אַביסעל אַהינטער... זייט אַזוי גוט, דעם אָרם שטרעקט אויס פעסט! אַזוי... דאַן גיט אַ דריק מיט דעם פינגער אויף דער מאַכעריי, און דאָס איז אַלעס. דער עיקר איז אָבער ניט אויפגערעגט זיין, ניט איילען זיך ביים צילעווען און אַכטונג געבען, די האַנד זאָל ניט ציטערן.

**מאדאם פאפאוו.** גוט. אין צימער איז ניט בעקוועם צו שיסען, לאָמיר אַרויסגעהן אין גאָרטען.

**סמירנאוו.** לאָמיר געהן. כ'זאָג אייך אָבער אַפריהער, אַז איך וועל שיסען אין דער לופטען.

**מאדאם פאפאוו.** נאַ דיר גאָר אַ נייעס. פאַר וואָס עפעס?

**סמירנאוו.** ווייל... ווייל... דאָס איז מיין זאַך, פאַר וואָס!

**מאדאם פאפאוו.** איהר האָט מורא געקראָגען! יאָ? אַ—אַ—ה? ניין, מיין הערר, נאָר ניט אַרויסגעמאַכט זיך! זייט אַזוי גוט, קומט מיט מיר! כ'וועל זיך ניט בערוהיגען, ביז וואַנען איך וועל אייך האָבען דורכגעלעכערט דעם שטערן, אָט דעם שטערן וואָס איך האָס פון גאַנצען האַרצען. וואָס זשע, איהר האָט מורא געקראָגען?

**סמירנאוו.** יאָ, כ'האָב מורא געקראָגען.

**מאדאם פאפאוו.** ס'אַ ליגען. פאַרוואָס ווילט איהר זיך ניט שלאָגען?

**סמירנאוו.** ווייל... ווייל... איהר געפעלט מיר.

**מאדאם פאפאוו** (מיט אַ בייזען געלעכטער). כ'געפעהל איהם! ער סמייעט נאָך צו זאָגען, אַז איך געפעהל איהם! (זי ווייזט אָן אויף דער טהיר.) געהט אייך!

**סמירנאוו** (לייגט שווייגענדיג אַנידער דעם רעוואָלווער אויף'ן טיש, נעהמט דעם הוט און געהט; ביי דער טהיר בלייבט ער שטעהן; אַ ווײַלע קוקען זיי זיך אָן און ריידען קיין וואָרט ניט, דער נאָך געהט ער אונענטשלאָסען צו נעהענטער). הערט... איהר זייט נאָך בייז?... כ'בין אויך געוועזען בייז ווי אַ טייוועל, אָבער פערשטעהט מיך נור אַביסעל בעסער... ווי זאָל איך דאָס אייך אויסדריקען?... די זאַך איז אָט וואָס... וואָס אַזעלכע געשיכטען אייגענטליך... (צושרייט זיך אויף'ן קול. נו יאָ, וואָס בין איך שולדיג, אַז איהר


www.libtool.com.cn

געפעלט מיר פאָרט? (ער כאַפּט אָן אַ שטוהל ביי דער פּאַרענטשע, דער שטוהל קראַכט און צו ברעכט זיך אויף צווייען.) ווײַס דער טייוועל, וואָס פאַר שוואַכע מעבעל איהר האָט! איהר געפעלט מיר! איהר פערשטעהט? איך... כ'בין כמעט פערליעבט!

**מאדאם פאפאוו.** אַוועק פון מיר, איך האַס אייך!

**סמירנאוו.** גאָט! וואָס פאַר אַ פרוי! כ'האָב קיינמאָל אין לעבען אַזוי וואָס עהנליכעס ניט געזעהן! איך בין פערלאָרען, רואינירט! כ'בין אין פאַסטקע אַריינגעפאַלען, אַזוי ווי אַ מויז!

**מאדאם פאפאוו.** געהט אייך, אָדער איך שים!

**סמירנאוו.** שיסט! איהר קענט גאָרנישט בעגרייפען, וואָס פאַר אַ גליק עס איז אונטער די בליקען פון אָט די הערליכע אויגען צו שטאַרבען, דורך'ן רעוואָלווער, וואָס דאָס דאָזיגע קליינטשיק סאַמעטען הענטעל האַלט... איך בין פון זינען אַראָב! בעטראַכט זיך און ענטשייַדעט גלייך אויף'ן שטעל, וואָרים טאָמער געה איך איצט אַוועק פון אייך, וועלען מיר זיך שוין קיינמאָל ניט זעהן. ענטשיידעט, רעדט... איך בין פון אַדעל, אַן אַנשטענדיגער מענש, כ'האָב אַ הכנסה פון צעהן טויזענד רובעל אַ יאָהר... כ'טרעף מיט'ן געוועהר אַ מטבע, וואָס ווערט געוואָרפען אין דער לופטען... כ'האָב גרויסאַרטיגע, הערליכע פערד. ווילט איהר ווערן מיין פרוי?

**מאדאם פאפאוו** (אויסער זיך פאַר כעס, פאָכערט מיט'ן רעוואָלווער). שיסען! צום דועל!

**סמירנאוו.** איך בין פון זינען אַראָב... כ'פערשטעה ניט וואָס מיט מיר טהוט זיך. דיענער! וואַסער!

**מאדאם פאפאוו** (שרייט). צום דועל!

**סמירנאוו.** כ'בין פון זינען אַראָב... כ'האָב זיך פערליעבט, ווי אַ גרינער בחור, ווי אַ דוראַק האָב איך זיך פערליעבט! (ער כאַפּט איהר אָן ביי דער האַנד, זי גיט אַ געשריי פאַר שמערץ.) כ'האָב אייך ליעב! (ער פאַלט אויף די קניע.) כ'ליעב אייך, ווי איך האָב נאָך קיינמאָל ביז אַהער ניט געליעבט! מיט צוועלף פרויען האָב איך געשלאָגען כפרות, ניין האָבען מיט מיר כפרות געשלאָגען, אָבער קיין איינציגע פון זיי האָב איך ניט אַזוי געליעבט ווי איך ליעב אייך. איך בין בעזיעגט, פערלאָרען, כ'ליג אויף די קניע ווי אַ דוראַק און בעט זיך ביי אייך... אַ חרפה און אַ בושה! פינף יאָהר נאָכאַנאַנד האָב איך זיך ניט פערליעבט, כ'האָב שטאָלצירט דערמיט און אָט בין איך מיט אַמאָל אַריינגעפאַלען, ווי דער פערד אין אַ פרעמדען וואָגען! איך בעט ביי אייך די האַנד, יאָ צי ניין? ווילט איהר ניט? איז ניט. (ער שטעהט אויף און געהט שנעל צו דער טהיר.)

**מאדאם פאפאוו.** וואַרט אויס...

**סמירנאוו** (בלייט שטעהן). נוּ?

**מאדאם פאפאוו.** גאָרנישט... איהר קענט זיך געהן! איבעריגענס, וואַרט אַ ווײַלע! ניין, געהט אייך, געהט אייך! איך האַס אייך! אָדער ניין! געהט ניט אַוועק! אַך ווען איהר וואָלט געוואוּסט, ווי בייז איך בין, ווי בייז! (זי גיט אַ וואָרף דעם רעוואָלווער אויף'ן שטוהל.) די פינגער ווינען מיר שוין אָנגעשוואָלען פוּן אָט די פאַסקוּדסטוואָ... (זי צורייסט פאַר כעס איהר טאַשענטיכעל.) וואָס שטעהט איהר נאָך דאָ? טראָגט זיך!

**סמירנאוו.** זייט געזונד!

**מאדאם פאפאוו.** יאָ, יאָ, נוּר געגאַנגען! (שרייט) וואוּהין געהט איהר דען? וואַרט אויס... איבעריגענס, געהט אייך...

אַך, ווי בייז איך בין! נוּר ניט צוּ נאָהענט, נוּר ניט צוּ נאָהענט, ניט אַזוי נאָהענט לעבען מיר!

**סמירנאוו.** ווי בייז איך בין אויף זיך אַליין! אַזוי ווי אַ גימנאַזיסט האָב איך זיך פערליעבט, אויף די קניע בין איך געלעגען... אַ שווידער געהט מיר אַזש אַריבער איבער'ן לייב... (שטרענג.) איך ליעב אייך! אָט דאָס האָט מיר נאָך געפעהלט, אודאי האָב איך עס נייטיג געדאַרפט האָבען, זיך צוּ פערליעבען! מאָרגען מוּז איך צאָהלען פראָצענט, צייט אַראָבצוּנעהמען די היי פוּן פעלד און אין מיטען דערינען זייט איהר דאָ. (ער נעהמט זי אַרום ביי דער טאַליע.) כ'וועל זיך קיינמאָל ניט קענען מוחל זיין דערפאַר!

**מאדאם פאפאוו.** אַוועק! די הענד נעהמט צוּ! כ'האַס... אייך!... צוּם דוּעל! (לאַנגער קוש.)

## עלפטער אויפטריט

די פאָריגע, לוּקאַ, גערטנער, קוטשער, אַרבייטער.

**לוּקא** (מיט אַ האַק).

**גערטנער** (מיט אַ גראָב-אייזען)

**קוּטשער** (מיט אַ היי-גראַבליע).

**ארבייטער** (מיט שטאַנגען).

**לוּקא** (דערזעהט דאָס פאָרל וואָס קושט זיך). גרויסער גאָט! (פויזע).

**מאדאם פאפאוו** (לאָזט אַראָב די אויגען). לוּקאַ, זאָג אין שטאַל, מען זאָל טאָבי'ן היינט גאָר קיין האָבער ניט געבען.

עַנדע.

www.libtool.com.cn

# דער שידוך.

## א קאמעדיע אין איין אקט.

## פערזאנען:

**סטעפאן סטעפאנאוויטש טשובוקאוו,** אַ גוטסבעזיצער.

**נאטאליא סטעפאנאוונא,** טשובוקאָוו'ס טאָכטער.

**איוואן וואסיליטש לאמאוו,** אַ יונגער גוטסבעזיצער.

---

די האַנדלונג קומט פאָר אין טשובוקאָוו'ס הויז, אין עמפפאַנג-צימער.

די ביהנע שטעלט פאָר דאָס גאַסט-צימער אין טשובוקאָוו'ס הויז. אַנטקעגען די צושויער אין מיטען וואַנד איז פאַראַן אַ טהיר. פוּן איין זייט, רעכטס, אַ זילבער-קאַסטען, פוּן דער אַנדער זייט, לינקס, אַ ביכער-שאַפע. אין דער רעכטער וואַנד אַ פענסטער און לעבען דעם שטעהט אַ פיאַנאָ, אַביסעל ווייטער אַ זאָפאַ, אַ טיש און דריי פאָטעלען. אין דער לינקער וואַנד ווידער נאָך אַ טהיר און ניט ווייט דערפוּן שטעהט אַ קליין טישעל מיט צוויי שטוהלען.

## ערשטער אויפטריט.

טשובוקאָוו. דערנאָך לאָמאָוו אין פראַק און ווייסע האַנד-שוה.

**טשובוקאוו** (געהט איהם אַנטקעגען). אָה מיין ליעבער! וועמען זעה איך דאָ! איוואַן וואַסיליטש! פרעהט מיך זעהר! (דריקט איהם די האַנד.) אָט דאָס הייסט אַביסעל אַן איבערראַשונג, מיין גוטינקער... ווי געהט עס אייך?

**לאמאוו.** אַ דאַנק. און איהר, וואָס מאַכט איהר עפּעס גוטס?

**טשובוקאוו.** נאַ, ס'געהט, מיין טהייערער. ביטע, זיצט... ס'איז ניט אַזוי פיין, מיין ליעבער, אָן די שכנים צוּ פערגעסען. אָבער, האַרצעלע מיינס, פאַרוואָס עפּעס אַזוי יום טוב'דיג? אין פראַק, אין האַנד-שוה און אַזוי ווייטער. אָט הפנים איהר פאָהרט ערגעץ צוּ גאַסט, מיין טהייערינקער?

**לאמאוו.** ניין. איך קום בלויז צוּ אייך, געעהרטער סטעפאַן סטעפאַנאָוויטש.

**טשובוקאוו.** פאַרוואָס זשע עפּעס אין פראַק, איך בעט אייך? פונקט ווי צוּ אַ ניי-יאָהר'ס בעזוך!

**לאמאוו.** זעהט איהר, עס האַנדעלט זיך ממכח אָט וואָס. (ער כאַפּט איהם אונטער.) כ'בין געקומען צוּ אייך, געעהרטער סטעפאַן סטעפאַנאָוויטש, מיט אַ בקשה בין איך צוּ אייך געקומען... ס'איז ניט דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב די עהרע זיך צוּ ווענדען צוּ אייך

נאָך הילפֿע, און שטענדיג האָט איהר, ווי זאָגט מען עס... אָבער פֿער־צייהט, איך בין אויפֿגערעגט. כ'וועל אַפֿריהער נעהמען אַביסעל וואַסער, געעהרטער סטעפּאַן סטעפּאַנאָוויטש. (ער טרינקט.)

**טשובוקאוו.** (אָן אַ זייט.) ער איז אודאי געקומען אַנטלייהען געלד! כ'וועל ניט שטעקען! (צו לאָמאָוו'ן.) מכח וואָס זשע האַנדעלט עס זיך, טהייערער?

**לאמאוו.** זעהט איהר... געעהרט... סטעפּאַניטש... ענטשולדיגט, כ'מיין, סטעפּאַן, סטעפּאַן — געעהרטעוויטש... דאָס הייסט, איך בין שרעקליך אויפֿגערעגט, ווי איהר קענט אַליין זעהן... הקיצור, נור איהר אַליין קענט מיר העלפֿען, כאָטש איך האָב עס כלל ניט פֿערדיענט און... און איך האָב גאָר קיין רעכט ניט צו בעטען אייער הילף.

**טשובוקאוו.** וויים איך, וואָס מאַכט איהר דאָרט פֿאַר הקדמות, האַרצעלע מיינס? אַרויס דערמיט! נו?

**לאמאוו.** אָט, אָט באַלד... אין אַן אויגענבליק. די זאַך איז די: איך בין געקומען בעטען די האַנד פֿון אייער טאָכטער נאַטאַליאַ.

**טשובוקאוו** (מיט שמחה). מלאך'ל מיינס! איוואַן וואַסיליטש! זאָגט עס איבער נאָך אַמאָל — כ'האָב זיך ניט גוט איינגעהערט!

**לאמאוו.** איך האָב די עהרע, צו בעטען...

**טשובוקאוו** (שלאָגט איהם איבער). גאַלופּטיק מיינער, איך בין אַזוי צו־פֿרידען און זאָ ווייטער, אָט דאָס איז עס טאַקי און זאָ ווייטער. (ער נעהמט איהם אַרום און גיט איהם אַ קוש.) דאָס האָב איך דאָך שוין פֿון לאַנג אָן געוואונשען. ס'איז תמיד מיין וואונש געווען (ער צודריקט אַ טרעהר אין אויג) און איך האָב אייך שטענדיג ליעב געהאַט, מיין טהייערינקער, ווי מיין אייגענעם זוהן. זאָל אייך גאָט ביידען געבען זיין ברכה און זיין גנאָד און אַזוי ווייטער... כ'האָב זיך עס אימער געוואונשען... אָבער פֿאַר וואָס זשע שטעה איך דאָ, ווי אַ ליימענער גולם? פֿאַר פֿרייד בין איך גאָר צודולט, איינפֿאַך צודולט בין איך! אַך, פֿון גאַנצען האַרצען... כ'וועל אַ רוף טהאָן נאַטאַשאַ'ן און אַזוי ווייטער.

**לאמאוו** (גערירט). געעהרטער סטעפּאַן סטעפּאַניטש, ווי מיינט איהר, נאַטאַליאַ סטעפּאַנאָווגאַ וועט איינוויליגען?

**טשובוקאוו.** ווירקליך אַזאַ שעהנער מאַן און... און דאָ זאָל זי גאָר אין מיטען דערינגען ניט וועלען! פֿערליעבט ווי אַ קאַטץ און אַזוי ווייטער... אָט די מינוט! (ער געהט אָב רעכטס.)

## צווייטער אויפטריט.

לאָמאָוו אַליין.

**לאמאוו.** מיר איז קאַלט... אַ שוידער געהט מיר אַריבער איבער'ן לייב, אַזוי ווי פֿאַר'ן עקזאַמען. דער עיקר איז, מען דאַרף זיך איינ־מאָל פֿאַר אַלע מאָל ענטשליסען. אַז מען זוכט און רעדט אַ סך און מען

www.libtool.com.cn



וואַרט אייף אַן אידעאַל אָדער אויף דער עכטער, ריינער ליעבע, האָט מען קיינמאָל ניט חתינה. בררר!... ס'איז קאַלט! נאַטאַליאַ סטעפּאַנאָווגאַ איז אַ גוטע בעל הבית'טע; זי איז אויך ניט מיאוס, געבילדעט... וואָס זשע דאַרף איך נאָך? עס רוישט מיר אין די אויערן פֿאַר אויפֿרעגונג. (ער טרינקט וואַסער.) און ניט חתונה האָבען, דאָס געהט ניט... ערשטענס, בין איך שוין אַלט פֿינף און דרייסיג יאָהר—ווי זאָגט מען עס, שוין אַביסעל אַריבערגעוואַקסען. צווייטענס דאַרף איך נייטיג האָבען אַ רוהיגען רע־געלמעסיגען לעבען... כ'האָב אַ האַרץ־פֿעהלער, האָב איך, אַ שטענדיגע האַרצ־קלאַפּעניש. איך בין ספּילטשעווע און פֿון דער מינדסטער זאַך ווער איך מורא'דיג אויפֿגערעגט. גלייך הויבען מיר אָן ציטערן די ליפּען און די רעכטע שלייף קלאַפּט... אָבער שרעקליכער פֿון אַלצדינג איז דער שלאָף. קוים לייג איך זיך נאָר אַריין אין בעט און הויב אָן איינצודרעמלען, אַז עס פֿאַנגט אָן רייסען און צופּען אין דער לינקער זייט! און אין פּלייצע און אין קאָפּ קלאַפּט עס ווי מיט האַמערס... כ'שפּרינג אויף, ווי אַ פֿער־ריקטער, געה אַרום אַ ווייגלע, דערנאָך לייג איך זיך ווידער, אָבער ווי איך שלאָף נאָר איין, אַהאַ ווידער אַ קראַמפּף אין זייט! און אַזוי געהט עס אפשר צוואַנציג מאָל...

**נאטאליא סטעפאנאוונא** (קומט פֿון רעכטס).

## דריטער אויפטריט.

נאַטאַליאַ סטעפּאַנאָווגאַ, לאָמאָוו.

**נאטאליא סטעפאנאוונא.** אַה, אַזוי! דאָס זייט איהר גאָר, און פּאַפּאַ זאָגט: געה אַקאָרשט אַרויס, אַ סוחר איז געקומען, קויפֿען וואַרע. גוטען טאָג אייך, איוואַן וואַסיליטש.

**לאמאוו.** גוטען טאָג, געעהרטע נאַטאַליאַ סטעפּאַנאָוונאַ!

**נאטאליא סטעפאנאוונא.** ענטשולדיגט וואָס איך טראָג דעם פֿאַר־טוך און געה אין אַ הויז־קלייד... מיר רייניגען זאַנגען צום טריקענען. פֿאַרוואָס האָט מען אייך אַזוי לאַנג ניט געזעהן? זיצט... (זיי זעצען זיך.) איהר ווילט אפשר עפּעס אָנבייסען?

**לאמאוו.** ניין, אַ דאַנק, איך האָב שוין געגעסען.

**נאטאליא סטעפאנאוונא.** איהר רויכערט... אָט האָט איהר שוועבעלאַך... ס'איז שעהן וועטער מיר האָבען היינט, און נעכטען האָט שטאַרק גערעגענט, אַז די אַרבייטער האָבען גאָרנישט געקענט טהאָן דעם גאַנצען טאָג. וויפֿיעל קופּות האָט איהר אַראָבגענומען? וואָס זאָגט איהר פֿאַרט, ווי גייציג איך בין! כ'האָב געהייסען אַראָבשניידען די גאַנצע היי פֿון פֿעלד, און אַצינד פֿערדריסט מיך שוין, כ'האָב מורא, ס'זאָל ניט פֿערפֿוילט ווערן. ס'וואָלט שוין בע־סער געווען, ווען איך וואָלט אָבגעוואַרט אַביסעל. זעהט, וואָס איז דאָס עפּעס? איהר געהט גאָר אין אַ פֿראַק? דאָס איז ווירקליך אַ נייעס!

איהר געהט, הייסט עס, ענדליך דאָך אויף אַ באַל? יאָ, און לאָמיך אייך טאַקי אין איין וועגס זאָגען, אַז איהר זייט עפּעס גאָר שעהנער געוואָרען... אויף מיין וואָרט... וואָס האָט איהר זיך עס טאַקי אַזוי אויסגעפּוצט?

**לאמאוו** (אויפגערעגט). זעהט איהר, געעהרטע נאַטאַליאַ סטעפּאַנאָוונאַ... ס'האַנדעלט זיך וועגען דעם, אַז איך האָב מיך ענטשלאָסען אייך צו בעטען, איהר זאָלט מיך אויסהערען... נאַטירליך וועט איהר זיך וואונדערן און זאָגאַר בייז זיין אויף מיר, נאָר איך... (אָן אַ זייט.) ווי שרעקליך קאַלט עס איז!

**נאטאליא סטעפאנאוונא.** וועגען וואָס האַנדעלט עס זיך? (פּויזע) נו?

**לאמאוו.** איך וועל מיר געבען די מיה, עס צו מאַכען בקיצור. געעהרטע נאַטאַליאַ סטעפּאַנאָוונאַ, איהר ווייסט דאָך, אַז איך האָב שוין לאַנג, נאָך פון קינדוויז אָן, די עהרע צו קענען אייער פאַמיליע. מיין זעליגע טאַנטע און איהר מאַן, פון וועמען איך האָב, ווי איהר ווייסט, געקראָגען בירושה די אימעניע, האָבען שטענדיג געהאַט דעם גרעסטען רעספּעקט פאַר אייער פאָטער און פאַר אייער זעליגער מוטער. די לאָמאָווס און די טשובוקאָווס זיינען זייט לאַנג, לאַנג צוריק געווען בעפריינדעט, מען קען זאָגאַר זאָגען פערוואַנדעט איינע מיט די אַנדערע. דעריבער טאַקי גרענעצט זיך מיין שטיק ערד, ווי איהר ווייסט, אַזוי נאָהענט מיט אייערס. אַז איהר ווילט אַזוי גוט זיין און זיך דערמאָנען, ליגען מיינע אָקסענ-פעלדער האַרט לעבען אייער בעראָזעווען וואַלד.

**נאטאליא סטעפאנאוונא.** ענטשולדיגט, כ'מוז אייך איבערשלאָגען. —איהר זאָגט „מיינע אָקסענ-פעלדער"... וואָס זשע, זיי זיינען גאָר אייערע?

**לאמאוו.** נו יאָ, זיי געהערען צו מיר...

**נאטאליא סטעפאנאוונא.** אַזוי? אָט האָסטו דיר! די אָקסענ-פעלדער געהערען צו אונז און ניט צו אייך!

**לאמאוו.** ניין—צו מיר, געעהרטע נאַטאַליאַ סטעפּאַנאָוונאַ!

**נאטאליא סטעפאנאוונא.** נאַ דיר גאָר אַ נייעס! ווי אַזוי געהערען זיי דאָס צו'ן אייך?

**לאמאוו.** וואָס—ווי אַזוי? כ'רייד פון יענע פעלדער וואָס ליגען צווישען אייער בעראָזעווען וואַלד און דער ציגעל-ערד.

**נאטאליא סטעפאנאוונא.** הערסטו, אָט טאַקי די... זיינען אונזערע...

**לאמאוו.** ניין, איהר האָט אַ טעות, געעהרטע נאַטאַליאַ סטעפּאַנאָוונאַ, זיי זיינען מיינע.

**נאטאליא סטעפאנאוונא.** דערמאָנט זיך נאָר אַקאָרשט גוט, איוואַן וואַסיליטש! ס'איז שוין לאַנג, אַז איהר האָט זיי געקראָגען?


www.libtool.com.cn

**לאמאוו.** ווי לאַנג? אַזוי ווייט ווי איך קען מיר נאָר ערינערן, האָבען זיי תמיד געהערט צו מיר.

**נאטאליא סטעפאנאוונא.** נאַ, ס'הויבט זיך אפילו ניט אָן. איהר וועט מיר ענטשולדיגען!

**לאמאוו.** מען קען דאָך נעהמען די פּאַפּירען און זעהן, געעהרטע נאַטאַליאַ סטעפּאַנאָוונאַ. די אָקסען-פעלדער האָט מען מיר שוין איינמאָל—דאָס איז אמת—גענומען צוגעהמען, מיט אַן אויסרייד, אַז זיי זיינען ניט מיינע, איצט אָבער ווייס די גאַנצע וועלט, אַז זיי געהערען מיר. ניטאָ וואָס צו אַמפּערן זיך דעריבער. הערט, כ'בעט אייך: מיין מוהמעס באָבע האָט די פעלדער אויף אַן אונבעשטימטער צייט אומזיסט אָבגעגעבען צו די מוזשיקעס פון אייער געעהרטען פאָטער'ס זיידען, בתנאי אַז זיי זאָלען דערפאַר ברענען דער באָבע'ס ציגעל. די בויערן פון אייער געעהרטען פאָטער'ס זיידען האָבען די פעלדער בענוצט אַן ערך פערציג יאָהר אָהן געצאָהלט און האָבען זיך אַזוי איינגעוועהנט עס צו בעטראַכטען פאַר זייער אייגענטהום. שפּעטער אָבער, אַז ס'איז אַרויס דער אוקאַז...'

**נאטאליא סטעפאנאוונא.** ס'איז גאָר ניט אַזוי, ווי איהר דערצעהלט! מיין זיידע און מיין אור-זיידע זיינען געווען איבערצייגט, אַז זייערע שטיקער ערד ציהען זיך ביז צו די בלאָטעס—דאָס הייסט אַלזאָ, אַז די אָקסען-פעלדער זיינען אונזערע. וואָס איז דאָ פאַראַן זיך צו אמפּערן? איך פערשטעה גאָר ניט... ס'איז ווירקליך אַ פערדרוס!

**לאמאוו.** כ'וועל אייך צייגען די פּאַפּירען, נאַטאַליאַ סטעפּאַנאָוונאַ.

**נאטאליא סטעפאנאוונא.** ניין, איהר שפּאַסט גאַנץ איינפאַך אָדער איהר נעהמט מיך אויף זיכער.... האָסט געהערט אַביסעל! מיר האָבען שוין דאָס שטיק ערד באַלד דריי הונדערט יאָהר און פלוצים זאָגט מען אונז אָן, אַז עס געהערט ניט צו אונז! איוואַן וואַסיליטש, פערצייהט, אָבער כ'גלויב גאָר מיינע אייגענע אויערן ניט... פאַר מיר האָבען די פעלדער אַ קנאַפּע ווערדע. ס'זיינען בסך הכל ניט מעהר ווי פינף דעסיאַטין און זיינען ווערטה אַ פאָר הונדערט רובעל, אַן ערך 300 רובעל, אָבער מיך פערדריסט די אונגערעכטיגקייט. זאָגט אייך וואָס איהר ווילט, אָבער אונגערעכטיגקייט קען איך ניט פערטראָגען.

**לאמאוו.** הערט נאָר אויס ביז צום סוף, איך בעט אייך! די מוזשיקעס פון אייער געעהרטען פאָטער'ס זיידען, ווי איך האָב שוין געהאַט די עהרע אייך צו זאָגען, האָבען פאַר מיין מוהמע'ס באָבען געברענט ציגעל. די מוהמע'ס באָבע האָט זיי געוואָלט מיט עפּעס בעפרידיגען...

**נאַטאַליא סטעפּאַנאָוונא.** זיידע, באָבע, מוהמע... וואָס געהט מיך דאָס אַלצדינג אָן? די פֿעלדער זיינען אונזערע און האָריע!

**לאָמאָוו.** ניין, מיינע!

**נאַטאַליא סטעפּאַנאָוונא.** אונזערע! אַז איהר וועט אפילו צוויי טעג נאָכאַנאַנד בעווייזען, און אַז איהר וועט זיך אָנטהאָן אין פֿופֿצעהן פֿרעק, זיינען זיי פֿאָרט אונזערע, אונזערע, אונזערע... דאָס וואָס געהערט אייך, פֿערלאַנג איך ניט, אָבער כ'וויל אויך ניט פֿערלירען דאָס, וואָס געהערט צו מיר!

**לאָמאָוו.** נאַטאַליאַ סטעפּאַנאָוונאַ, כ'דאַרף ניט די פֿעלדער, כ'טהו דאָך עס נאָר אוים פרינציפּ. אויב אייך איז ליעב, אדרבה... שיינק איך זיי אייך.

**נאַטאַליא סטעפּאַנאָוונא.** א י ך קען זיי אייך שיינקען, ווייל זיי געהערען צו מיר!... דאָס איז דאָך עפּעס גאָר אַ מאָדנע זאַך, איוואַן וואַסיליטש! מיר האָבען אייך ביז אַהער געהאַלטען פֿאַר אַ גוטען שכן, פֿאַר אַ פֿריינד. פֿאַר אַיאָהרען האָבען מיר אייך אַוועקגעגעבען אונזערע דרעש־מאַשינען און מיר האָבען צוליעב דעם ערשט אין מאָנאַט נאָוועמבער געמוזט ענדיגען מאָהלען אונזער תבואה, און איהר בעהאַנדעלט אונז ווי די ציגיינער. איהר שיינקט מיר אַוועק מיין אייגען שטיק ערד. ענטשולדיגט, אַזוי האַנדלען ניט קיין שכנים. נאָך מיין מיינונג איז עס זאָגאַר אַ חוצפה, אַ פֿרעכהייט... ווען איהר ווילט...

**לאָמאָוו.** נאָך אייער מיינונג בין איך, הייסט עס, אַ פֿערכאַפּער, אַ גנב? מיין גנעדיגע, אין מיין לעבען האָב איך ניט פֿערנומען קיין פֿרעמדע ערד, און איך ערלויב קיינעם ניט מיך אין דעם צו בעשולדי־נען... (ער געהט צו שנעל צו דער פֿלאַש און טרינקט וואסער) די אָקסען־פֿעלדער זיינען מיינע!

**נאַטאַליא סטעפּאַנאָוונא.** ס'איז ניט אמת! אונזערע!

**לאָמאָוו.** מיינע!

**נאַטאַליא סטעפּאַנאָוונא.** ניט אמת! כ'וועל עס אייך בעווייזען! היינט נאָך שיק איך מיינ תבואה־שניידער אויף דיזע פֿעלדער!

**לאָמאָוו.** וו—אָ—אָס?

**נאַטאַליא סטעפּאַנאָוונא.** היינט וועלען מיינע לייט דאָרט זיין!

**לאָמאָוו.** און איך וועל זיי דורכטרייבען!

**נאַטאַליא סטעפּאַנאָוונא.** זאָל אייך גאָט אַריינגעבען אַזאַ זינן!

**לאָמאָוו** (כאַפּט זיך אָן ביים האַרצען). די אָקסען־פֿעלדער זיינען מיינע, איהר פֿערשטעהט? מיינע!

www.libtool.com.cn



**נאַטאַליא סטעפּאַנאָוונא.** כ'בעט אייך, שרייט נאָר ניט! ביי אייך אין דערהיים קענט איהר שרייען און פֿאַר כעס בלאָזען וויפֿיעל איהר ווילט, אָבער דאָ, בעט איך אייך, זיך צו האַלטען ווי אַ מענש!

**לאָמאָוו.** מיין גנעדיגע, וואָלט איך נאָר ניט געהאַט אַזאַ מורא'דיגע האַרצקלאַפּעניש און וואָלט מיר נאָר ניט אַזוי געהאַמערט אין די שלייפֿען, וואָלט איהר שוין פֿון מיר געהערט גאָר אַנדערע דבורים! (שרייט.) די אָקסענפֿעלדער זיינען מיינע!

**נאַטאַליא סטעפּאַנאָוונא.** אונזערע!

**לאָמאָוו.** מיינע!

**טשובוקאָוו** (קומט אַריין פֿון רעכטס).

## פערטער אויפטריט.

די פֿריהערדיגע. טשובוקאָוו.

**טשובוקאָוו.** וואָס טהוט זיך דאָ? פֿאַרוואָס שרייט איהר אַזוי?

**נאַטאַליא סטעפּאַנאָוונא.** פּאַפּאַ, ערקלעהר דו כאָטש אָט דעם הערר דאָ. וועמען געהערען די אָקסענ־פֿעלדער: אונז אָדער איהם?

**טשובוקאָוו** צו לאָמאָוו'ן. אוצר מיינער! די פֿעלדער געהערען אונז!

**לאָמאָוו.** אָבער אום גאָטעס ווילען, סטעפּאַן סטעפּאַנאָוויטש, ווי אַזוי געהערען זיי דען צו אייך? זייט איהר כאָטש אַ פֿערנינפֿטיגער מענש! מיין מוהמע'ס באָבע האָט די פֿעלדער אויף אַ געוויסער צייט אומזיסט אָבגעגעבען אייער זיידען'ס מוזשיקעס. די בויערן האָבען די ערד בענוצט אַ פֿערציג יאָהר צייט און האָבען זיך דערצו געוועהנט ווי צו זייער אייגענס, נאָר אַז ס'איז אַרוים דער אוקאַז...

**טשובוקאָוו.** ערלויבט אַקאָרשט, טהייערסטער... איהר פֿערגעסט, אַז גראָד אייער באָבע'ס מוזשיקעס האָבען נישט געצאָהלט און אַזוי ווייטער, ווייל מען האָט גראָד דעמאָלט געפֿיהרט אַ פּראָצעס וועגען די פֿעלדער און אַזוי ווייטער... און אַצינד ווייס יעדער הונד, אַז זיי געהערען צו אונז. אָט הפנים איהר האָט דעם פּלאַן ניט געזעהן!

**לאָמאָוו.** און איך וועל אייך בעווייזען, אַז זיי געהערען צו מיר.

**טשובוקאָוו.** בעווייזט עס בעסער ניט, מיין ליעבינקער.

**לאָמאָוו.** ניין, איך וועל עס בעווייזען!

**טשובוקאָוו.** טהייערינקער, נאָך וואָס טויג אייך אַזוי שרייען? גראָד מיט געשריי וועט איהר אַם ווייניגסטען בעווייזען. איך פֿערלאַנג ניט חלילה אייערס און כ'האָב ניט בדעה אָבצוטרעטען מיינס. צו וואָס זאָל איך עס טהאָן? אַז ס'איז שוין יאָ געקומען אַזוי ווייט, מיין ליעבער, אַז איהר מיינט טאַקי אין דער אמת'ן ביי אונז אָבצונעהמען די פֿעלדער, און אַזוי ווייטער, וועל איך זיי ליעבערשט אַוועקשיינקען די מוזשיקעס איידער אייך! גאַנץ געוויס!

**לאמאוו.** איך פֿערשטעה ניט! וואָס פֿאַר אַ רעכט האָט איהר איבער־הויפּט אַוועקצושיינקען פֿרעמדעס אייגענטהום?

**טשובוקאוו.** איהר וועט דאָך מיר מסתמא ערלויבען צו וויסען, אויב איך האָב יאָ אַ רעכט דערצו אָדער ניט. יונגער מאַן, כ'בין ניט געוואוינט, מען זאָל מיט מיר ריידען אין אַזאַ טאָן און אַזוי ווייטער. איך, יונגער מאַן, בין צוויי מאָל אַזוי אַלט ווי איהר, און כ'בעט, צו ריידען צו מיר רוהיג און אַזוי ווייטער.

**לאמאוו.** ניין, איהר האַלט מיך פֿאַר אַ נאַר און מאַכט חוזק פֿון מיר! איהר רופֿט אָן מיין שטיק ערד אייערס און איהר ווילט, איך זאָל דערביי בלייבען גלייכגילטיג און ריידען צו איך ווי אַ מענש. אַזוי בעגעהן זיך ניט קיין גוטע שכנים, סטעפֿאַן סטעפֿאַנאָוויטש! איהר זייט ניט קיין שכן, אַ פֿערכאַפּער זייט איהר!

**טשובוקאוו.** וואָ—אָס? וואָס האָט איהר געזאָגט?

**נאטאליא סטעפאנאוונא.** פּאַפּאַ, שיק שוין אַוועק די תבואה־שנייַדער אויף די פֿעלדער!

**טשובוקאוו** (צו לאָמאָוו'ן). וואָס האָט איהר געזאָגט, געעהרטער הערר?

**נאטאליא סטעפאנאוונא.** די אָקסען־פֿעלדער זיינען אונזערע, און איך טרעט זיי ניט אָב, כ'טרעט זיי ניט אָב, כ'טרעט זיי ניט אָב!

**לאמאוו.** דאָס וועלען מיר נאָך זעהן! כ'וועל עס אייך פֿאַר'ן געריכט בעווייזען, אַז זיי געהערן צו מיר!

**טשובוקאוו.** פֿאַר'ן געריכט. איהר קענט קלאָגען אין געריכט, געעהרטער הערר, און אַזוי ווייטער, איהר קענט! נישקשה, איך קען אייך ווער איהר זייט! איהר וואַרט דאָך נאָר אויף אַ געלעגענהייט צו פֿיהרען פּראָצעסען און אַזוי ווייטער... אַן אינטריגאַנט זייט איהר! אייער גאַנצע פֿאַמיליע האָט זיך כסדר געזוכט אַזעלכע עסקים'לאַך, די גאַנצע!

**לאמאוו.** כ'בעט, מיין פֿאַמיליע ניט צו בעליידיגען. אַלע וואָס האָבען אָבגעשטאַמט פֿון די לאָמאָוום זיינען געווען עהרליך, און ס'איז קיין איין איינציגער ניט געווען, וואָס איז געשטעלט געוואָרען צום געריכט פֿאַר שווינדעל, ווי אייער פֿעטערל!

**טשובוקאוו.** און אין אייער לאָמאָווער פֿאַמיליע זיינען אַלע געווען משוגע!

**נאטאליא סטעפאנאוונא.** אַלע, אַלע, אַלע!

**טשובוקאוו.** דער זיידע אייערער איז געווען אַן איינפֿאַכער פּיאַניצע, און די אינגערע מוהמע, די נאַסטאַסיאַ מיכאַילאָוונאַ, איז אַנטלאָפֿען מיט אַן אַרכיטעקט, און אַזוי ווייטער.

**לאמאוו.** און אייער מוטער האָט געהונקען אויף אַ פֿוס. (ער כאַפּט זיך פֿאַר'ן האַרצען.) ס'ציהט אין דער זייט... אין קאָפּ קלאַפּט ווי מיט האַמערס... גאָט אין הימעל!... וואַסער


www.libtool.com.cn

**טשובוקאוו.** און דער טאַטעלע אייערער איז געווען אַ קאָרטען־שפּיע־ און אַ זולל וסובא!

**נאטאליא סטעפאנאוונא.** אייער מוהמע אַ פּלאַפּלערקע, וואָס ניט ניט נאָך איינע אין דער וועלט!

**לאמאוו.** ביי מיר איז דער לינקער פֿוס געלעהמט... און איהר זייט אַן אינטרעגאַנט... אַך, דאָס האַרץ!... און ס'איז פֿאַר קיינעם קיין סוד ניט, אַז איהר האָט ביי די וויבאָרעס געשווינדעלט... עס שווינדעלט מיר אין די אויגען... וואו איז ערגעץ מיין הוט?

**נאטאליא סטעפאנאוונא.** ווי נידערטרעכטיג! ליגנער! געמיינער לומפּ!

**טשובוקאוו.** איהר אַליין זייט אַ געמיינער היפּאָקריט, אַן עקעלהאַפֿטער ליגנער! יאָ—אָ!

**לאמאוו.** אָט איז דער הוט... איי דאָס האַרץ... וואוהין געהט מען? וואו איז ערגעץ די טהיר? אַך, כ'האָב מורא, איך שטאַרב... איך קען ניט, די פֿיס פּלאָנטערן זיך... (ער געהט צו דער טהיר.)

**טשובוקאוו.** אייער פֿוס זאָל דאָ מעהר ניט זיין!

**נאטאליא סטעפאנאוונא.** פֿערקלאָגט אונז אין געריכט! מיר וועלען זעהן.

**לאמאוו.** (געהט זיך וואַקלענדיג אָב דורך דער מיטעלסטער טהיר.)

## פֿינפֿטער אויפֿטריט.

טשובוקאָוו. נאַטאַליאַ סטעפֿאַנאָוונאַ.

**טשובוקאוו.** (צאָרנדיג). צום טייוועל!

**נאטאליא סטעפאנאוונא.** אַזאַ גאָרנישט! און געה גלויב נאָך אין גוטע שכנים!

**טשובוקאוו.** שורקע! רויב־פֿויגעל! שד!

**נאטאליא סטעפאנאוונא.** אַזאַ מיאוס'ע קאַליקע, פֿערכאַפּט אַ פֿרעמדע שטיק ערד און האָט נאָך די העזה צו שטרייטען.

**טשובוקאוו.** און אָט דאָס פֿערזעהעניש, וואָס האָט אַ פּנים ווי אַ הינערשע פֿיסעל, פֿערגינט זיך נאָך צו קומען אַ שידוך טהאָן, און אַזוי ווייטער.

**נאטאליא סטעפאנאוונא.** וואָס פֿאַר אַ שידוך?

**טשובוקאוו.** נו יאָ! ער איז דאָך געקומען אַ חתן ווערן פֿאַר דיר.

**נאטאליא סטעפאנאוונא.** אַ חתן ווערן? פֿאַר מיר? פֿאַרוואָס האָסטו עס מיר פֿריהער ניט געזאָגט?

**טשובוקאוו.** ער האָט זיך דאָך טאַקי צוליעב דעם אָנגעטהאָן אין פֿראַק. אַזאַ דאַרע קישקע, אַזאַ סמאַרקאַטש!

**נאטאליא סטעפאנאוונא.** אַ חתן פֿאַר מיר? אַך! (זי פֿאַלט אין אַן אָרם־שטוהל און קרעכצט.) מען זאָל איהם ברייגנען צוריק! אַך! צוריקברייגנען!

**טשובוקאוו.** וועמען צוריקברייגנען?

נאטאליא סטפאנאוונאי גיכער, גיכער! מיר איז שלעכט! צוריק־ברײנגען! (היסטערישער אָנפֿאַל.)

טשובוקאוו. וואָס טהוט זיך דאָ? וואָס איז דיר? (כאַפּט זיך פֿאַר'ן קאָפּ.) כ'בין אַן אונגליקליכער מענש! כ'וועל זיך דערשיסען! אויפֿהײנגען וועל איך זיך! מען פֿערמוטשעט מיך צום טויט!

נאטאליא סטעפאנאוונא. אוי כ'שטאַרב! צוריקברײנגען!

טשובוקאוו. פֿפֿוי! גלייך, וואויע ניט אַזוי! (ער לויפֿט אַרויס דורך דער מיטעלסטער טהיר.)

נאטאליא סטעפאנאוונא (אַליין, קרעכצט.) וואָס האָט מען מיר דאָ אָנגעמאַכט? ברײנגט איהם צוריק! צוריק ברײנגט איהם!

טשובוקאוו (קומט צו לויפֿען.) באַלד, באַלד קומט ער, און אַזוי ווייטער. כאַפּט איהם דער טייוועל! אוף! רעד דו אַליין מיט איהם, איך וויל עס ניט און אַזוי ווייטער.

נאטאליא סטעפאנאוונא (קרעכצט). צוריקברײנגען!

טשובוקאוו. ער קומט, זאָגט מען דיר. „אָה, רבונו של עולם! וואָס פֿאַר אַ שווערע אויפֿגאַבע דאָס איז צו זיין אַ פֿאָטער פֿון אַן ערוואַקסענער טאָכטער!"*) איך וועל מיר איבערשניידען דעם האַלז! בעשטימט וועל איך מיר דעם האַלז איבערשניידען! מען האָט זיך מיט דעם מענשען אַרומגעריסען, אויסגעזידעלט, דורכגעטריבען... און דאָס אַלץ האָסט דו געטהאָן... דו!

נאטאליא סטעפאנאוונא. ניין, דו! דו האָסט קיין שום דרך ארץ ניט און ביסט גראָב! ווען ניט דו — וואָלט ער ניט אַוועקגעגאַנגען!

טשובוקאוו. נו געווים, איך בין שולדיג! אָבער וואַרט אַקאָרשט, קוואַטערקע מיינע, און אַזוי ווייטער, טאָער דערשים איך זיך אָדער כ'היינג זיך אויף. זאָלסט דו וויסען, אַז דו וועסט אין דעם שולדיג זיין! דו האָסט מיך געבראַכט דערצו! נאָר דו! (אין דער טהיר בעווייזט זיך לאָמאָוו.) נאַ, רעד אַליין מיט איהם! (ער געהט אָב.)

לאמאוו (קומט אַריין פֿערסאָפּעט).

## זעקסטער אויפטריט.

נאטאליאַ סטעפאַנאָוונאַ, לאָמאָוו.

לאמאוו. מורא'דיגע האַרצקלאַפּעניש... דער פֿוס איז געלעהמט... און אין דער זייט שטעכט...

נאטאליא סטעפאנאוונא. פֿערצייהט, מיר האָבען זיך אַביסעל צוהיצט, איוואַן וואַסיליטש... איך דערמאָן זיך אַצונד... די אָקסען־פֿעלדער געהערען טאַקע צו אייך.

*) פֿון גריבאָיעדאָוו'ס: „וועה דעם געשייטען".



www.libtool.com.cn

לאמאוו. ס'האַרץ קלאַפּט שרעקליך... מיינע אָקסען־פֿעלדער... ביידע ברעמען ציהען... (זיי זעצען זיך.) מיר האָבען געהאַט אונרעכט... מיר איז עס געגאַנגען אום פרינציפּ... דאָס שטיק ערד איז מיר נישט טהייער, אָבער דאָס פרינציפּ איז מיר טהייער...

נאטאליא סטעפאנאוונא. טאַקי דאָס פרינציפּ. לאָמיר ריידען פֿון עפּעס אַנדערש.

לאמאוו. בפרט נאָך אַז איך האָב די בעווייזע: מיין מוהמע'ס באָבע האָט די מוזשיקעס פֿון אייער געעהרטען פֿאָטער'ס זיידען...

נאטאליא סטעפאנאוונא. גענוג, גענוג דערפֿון... (אָן אַ זייט.) כ'ווייס גאָרניט ווי מען הויבט אָן... (צו לאָמאָוו'ן.) איהר געהט באַלד אויף דער יאַכט?

לאמאוו. יאָ, געעהרטע נאַטאַליאַ סטעפאַנאָוונאַ. נאָך ~~דער ערנטע רע־כען איך אנצופֿאַנגען~~. אָך, האָט איהר געהערט? וואָס פֿאַר אַן אונגליק! מיין הונד אוגאַדאַי, איהר קענט איהם דאָך, הינקט!

נאטאליא סטעפאנאוונא. ס'אַ שאָד! פֿאַרוואָס עפּעס?

לאמאוו. כ'ווייס ניט... פֿיליכט האָט ער זיך אויסגעלונקען אַ פֿוס, אָדער אַנדערע הינט האָבען איהם געביסען. (זיפֿצט.) דער בעסטער הינד, שוין ניט ריידענדיג וועגען דעם געלד! כ'האָב דאָך מיראָנאָוו'ן בעצאָהלט 125 רובעל פֿאַר איהם.

נאטאליא סטעפאנאוונא. דאָס איז איבערגעצאָהלט, איוואַן וואַסיליטש.

לאמאוו. נאָך מיין מיינונג נאָך איז ער זעהר ביליג. אַ פראַכטפֿאָלער הונד.

נאטאליא סטעפאנאוונא. פּאַפּאַ האָט פֿאַר זיין אָטקאַטאַי מעהר ניט געגעבען ווי 85 רובעל, און אָטקאַטאַי איז דאָך אַסך בעסער ווי אייער אוגאַדאַי.

לאמאוו. אַזוי.. אָטקאַטאַי איז בעסער ווי אוגאַדאַי! וואָס אייך פֿאַלט איין! (ער לאַכט.) אָטקאַטאַי איז בעסער ווי אוגאַדאַי!

נאטאליא סטעפאנאוונא. נאַטירליך בעסער! אָטקאַטאַי, ס'איז אמת, איז נאָך יונג און האָט נאָך ניט אָבגעוואָרפֿען, אָבער אויף'ן יאַגד און אויך אין אַ וועטע מיט צוויי, דריי אַנדערע איז נאָר קיין בעסערס פֿון איהם ניטאָ, אפילו ביים...

לאמאוו. ערלויבט, נאַטאַליאַ סטטפאַנאָוונאַ, איהר פֿערגעסט אָבער, אַז די אונטערשטע באַק־צייהנער זיינען ביי איהם קורץ, און אַ הונד מיט קורצע אונטערשטע באַק־צייהנער קען ניט גוט אָנפאַקען.

נאטאליא סטעפאנאוונא. קורצע אונטערסטע באַק־צייהנער? הער איך צום ערשטען מאָל!

לאמאוו. איך פֿערזיכער אייך, די אונטערשטע באַק־צייהנער זיינען קירצער ווי די אויבערשטע.

נאטאליא סטעפאנאוונא. וואָס זשע, איהר האָט זיי געמאָסטען?

לאמאוו. יאָ, כ'האָב געמאָסטען. צום לויפען טויג ער נאַטירליך, אָבער אויפצוכאַפּען, אַ פּאַק צו טהאָן... דאָס ניט...

נאטאליא סטעפאנאוונא. ערשטענס איז אונזער אָטקאַטאַי פון ריינער אָבשטאַמונג, פּולבלוטיג; ער איז סאַפּרגאַי'ט און סטאַמעסקי'ס אַ זוהן, און וועגען אייער שטיק צרה ווייס מען גאָר ניט, פון וואַנען ער קומט אַרויס... אַחוץ דעם איז אייערער אַלט און העסליך ווי אַן אבגעליזעוועט פערדעל...

לאמאוו. אַלט, נעווים! כ'נעהם פאַר איהם ניט קיין פינף אייערע אָטקאַטאַיס... שייך צו זאָגען? אוגאַדאַי — איז אַ הונד און אָטקאַטאַי... ס'איז לעכערליך זיך צו אַמפּערן... אַזוינע ווי אייער אָטקאַטאַי געפינט מען אַזוי פיעל ביי יעדען הונד-הענדלער, אַז מען וואָלט מיט זיי געקענט אָנפּילען אַ גאַנצען טייך.

נאטאליא סטעפאנאוונא. ביי אייך, איוואַן וואַסיליטש, זיצט היינט עפּעס אַ בייזער גייסט פון ווידערשפּרוך. אָט זיינען די פעלדער אייערע און אָט איז אוגאַדאַי בעסער ווי אָטקאַטאַי. פע, כ'האָב פיינט, אַז אַ מענש רעדט ניט דאָס וואָס ער דיינקט. איהר ווייסט דאָך אַליין גאַנץ גוט, אַז אָטקאַטאַי איז הונדערט מאָל בעסער ווי אייער... אָט דער נאַרישער אוגאַדאַי. צו וואָס זשע טויג אייך זאָגען פונקט פערקעהרט?

לאמאוו. איך זעה, נאַטאַליאַ סטעפאַנאָוונאַ, אַז איהר האַלט מיך פאַר אַ בלינדען אָדער איינפאַך פאַר אַ נאַר. אָבער פערשטעהט דאָך איינמאָל פאַר אַלע מאָל, אַז ביי אָטקאַטאַי'ן זיינען די אונטערשטע באַק-צייהנער קירצער!

נאטאליא סטעפאנאוונא. ס'איז ניט אמת!

לאמאוו. יאָ, קורצע אונטערשטע באַק-צייהנער!

נאטאליא סטעפאנאוונא (שרייט). ניט אמת!

לאמאוו. פאַרוואָס שרייט איהר אַזוי, מיין גנעדיגע?

נאטאליא סטעפאנאוונא. פאַר וואָס רעדט איהר אַזעלכע דומהייטען? דאָס איז דאָך איינפאַך הימעל-שרייענד! ס'איז שוין לאַנג צייט געווען, אייער אוגאַדאַי צו דערשיסען, און איהר פערגלייכט איהם מיט אָטקאַטאַי'ן!

לאמאוו. ענטשולדיגט, כ'קען ניט פאָרטזעצען דיזען שטרייט. איך האָב האַרצקלאַפּעניש.

נאטאליא סטעפאנאוונא. איך האָב בעמערקט, אַז גראַד די יעגער וואָס פערשטעהען אַם ווייניגסטען, שפּאַרען זיך אַם מייסטען.



www.libtool.com.cn

לאמאוו. מיין גנעדינע, איך בעט אייך, שווייגט... דאָס האַרץ ווערט מיר צופּלאַצט... (ער שרייט). שווייגט!

נאטאליא סטעפאנאוונא. כ'וועל ניט אַנשווייגן ווערן ביז וואַנען איהר וועט ניט צוגעבען, אַז אָטקאַטאַי איז הונדערט מאָל בעסער ווי אייער אוגאַדאַי.

לאמאוו. הונדערט מאָל ערגער. קראַפּירען זאָל ער אייער אָטקאַטאַי, אוי, די שלייפען... די אויגען... די פּלייצע...

נאטאליא סטעפאנאוונא. און אייער דומער אוגאַדאַי פערשפּאָרט שוין צו קראַפּירען, ווייל עס איז סיי ווי סיי אַזוי ווי קראַפּירט!

לאמאוו (שרייט). שווייגט! איך האָב אַ האַרץ-שלאַג...

נאטאליא סטעפאנאוונא. ניין, כ'וועל ניט שווייגען.

טשובוקאוו (קומט אַריין.)

## זיבעטער אויפטריט.

די פריהערדיגע. טשובוקאָוו.

טשובוקאוו. וואָס איז שוין דאָ ווייטער?

נאטאליא סטעפאנאוונא. פּאַפּאַ, זאָג דעם אמת, ביי דיין עהרע זאָג: וועלכער הונד איז בעסער — אונזער אָטקאַטאַי אָדער זיין אוגאַדאַי?

לאמאוו. סטעפּאַן סטעפאַנאָוויטש, איך בעט אייך, זאָגט בלויז איין זאַך: זיינען די אונטערשטע באַק-צייהנער ביי אייער הונד קירצער אָדער ניט? יאָ צי ניין?

טשובוקאוו. און אַזויאָ? איז דאָס עפּעס אַ גרויסע זאַך, וואָס? דערפאַר איז אין גאַנצען געגענד ניטאָ קיין בעסערער הונד פאַר איהם און אַזוי ווייטער.

לאמאוו. אָבער מיין אוגאַדאַי איז דאָך בעסער? זאָגט דעם אמת!

טשובוקבוו. רעגט זיך נאָר ניט אויף, טהייערסטער!... ערלויבט... אייער אוגאַדאַי האָט זיך טאַקי זיינע גוטע מעלות... ער איז פון גוטער אָבשטאַמונג, האָט קרעפטיגע פיס, שטאַרקע לענדען און אַזוי ווייטער. אָבער דער הונד, אויב איהר ווילט עס וויסען, מיין ליעבער, האָט צוויי חסרונות: ער איז אַלט און די אונטערשטע באַק-צייהנער זיינען ביי איהם קורץ.

לאמאוו. ענטשולדיגט, כ'האָב האַרץ-קלאַפּעניש... לאָמיר נעהמען פאַקטען... ווילט איהר זיך דערמאָנען, אויף מאַרוסקינס פעלדער איז מיין אוגאַדאַי געגאַנגען אויער ביי אויער מיט דעם גראַפישען ראַזוואַכאַי און אייער אָטקאַטאַי איז געבליבען אויף אַ גאַנצען וויאָרסט הינטערשטעליג.

טשובוקאוו. ער איז הינטערשטעליג געבליבען, ווייל דעם גראַף'ס אויפזעהער האָט איהם דערלאַנגט מיט דער בייטש.

לאמאוו. ער איז גערעכט געווען, אַלע הינד שפירען נאָך דעם פוקס, אָטקאַטאַי אָבער בענוגענט זיך מיט דעם וואָס ער גיט אַ בים אַ ציעג!

טשובוקאוו. דאָס איז ניט וואַהר... מיין ליעבער... איך בין אויפגער־רעגט און דעריבער בעט איך אייך, לאָמיר בעסער אויפ־הערן זיך צו אַמפערן. ער האָט איהם געשלאָגען, ווייל יעדער איינער קוקט מיט קנאה אויף אַ פרעמדען הונד פון גוטער אָבשטאַמונג... יאָ, יאָ, אַלע זיינען מקנא. אויך איהר, מיין הערר, זייט ניט ריין פון זינד! ווי נאָר איהר בעמערקט, אַז אימיצענס הונד איז בעסער ווי אייער אוגאַדאַי, הויבט איהר שוין גלייך אָן... דאָס... יענעס... זיינער... מיינער... און אַזוי ווייטער... נישקשה, איך געדיינק אַלצדינג!

לאמאוו. און איך געדיינק אויך!

טשובוקאוו (קרימט איהם איבער). און איך געדיינק אויך... וואָס געדיינקט איהר אַזוינס?

לאמאוו. האַרצקלאַפעניש... דער פוס איז געלעהמט... איך קען ניט...

נאטאליא סטעפאנאוונא (מיט שפאָט). האַרצ־קלאַפעניש... וואָס פאַר אַ יעגער זייט איהר? איהר האָט בעדאַרפט ליגען אין קיך און קוועטשען דעם אויווען דאָרט, אָבער ניט יאָגען פוקסען! האַרצ־קלאַפעניש!...

טשובוקאוו. טאַקי אין דער אמת'ן, וואָס זייט איהר מיר פאַר אַ יעגער? מיט אייערע קראַנקהייטען זיצט מען אין דערהיים און מען יאָגט זיך ניט אַרום אויף'ן זאָטעל. ווען איהר וואָלט כאָטש געווען אַ יעגער, אָבער איהר פאָרט דאָך נאָר אַרום, כדי איהר זאָלט זיך קענען שפאַרען וועגען יענעמס הינט, און כדי איהר זאָלט קענען שטערן מענשען פון זייער רוהה און אַזוי ווייטער. איך בין אויפגערעגט, לאָמיר בעסער וואַרפען דעם געשפרעך, איהר זייט, הייסט עס, גאָר קיין יעגער ניט!

לאמאוו. און איהר זייט אַ יעגער, האַ? איהר פאָהרט דאָך נאָר אויס, כדי זיך צוצושמייכלען צום גראַף, צו אינטריגירען... אַוי, דאָס האַרץ... אינטריגאַנט וואָס איהר זייט...!

טשובוקאוו. נו, און אז איך בין אַן אינטריגאַנט? (ער שרייט.) שווייגט!

לאמאוו. אינטריגאַנט!

טשובוקאוו. אינגעל, יונגער הונד! וואַנדעלדיגע אַפטייק!

לאמאוו. אַלטער שטשור! יעזואיט! כ'קען אייך גאַנץ גוט!

טשובוקאוו. שווייג! אניט דשרשים איך דיך... מיט'ן ערגסטען געוועהר, ווי אַ קאַראָפאַטקע! עזעל! טויבע נוס! קעשענע גנב!

www.libtool.com.cn



לאמאוו. אַלע וויסען אַז — אַך! דאָס האַרץ! — אַז איינער געלונגע פרוי האָט אייך די ביינער צובראָכען... אוי, דער פוס... די שלייפען... פונקען... איך פאַל אום, כ'פאַל...

טשובוקאוו. און דו ליגסט ביי דיין אָפיקון'יכע אונטערן פאַנטאָפעל!

לאמאוו. אָט דאָ... דאָ... דאָ... האָט געפלאַצט דאָס האַרץ. די פלייצע האָט זיך אָבגעריסען... וואו איז ערגעץ מיין פלייצע?... איך שטאַרב. (ער פאַלט אין פאָטעל.) דעם דאָקטאָר! (פאַלט אין חלשות.)

טשובוקאוו. אינגעל! שנעק! עזעל! אוי, מיר איז ניט גוט! (טרינקט וואַסער.) ווי ס'איבעלט מיר!

נאטאליא סטעפאנאוונא. וואָס זייט איהר מיר פאַר אַ יעגער? איהר קענט דאָך אפילו ניט זיצען אויף'ן פערד ווי ס'דאַרף צו זיין! (צום פאָטער.) פאַפאַ, זעה נאָר, וואָס איז איהם? פאַפאַ, גיב אַ קוק, פאַפאַ! (זי יאָמערט.) איוואַן וואַסיליטש! ער איז טוידט!

טשובוקאוו. מיר איז ניט גוט! כ'קען ניט אָבכאַפען דעם אָטהעם!... לופט!...

נאטאליא סטעפאנאוונא. ער איז טוידט! (זי טרייסעלט לאָמאָוו'ן ביים אַרבעל.) איוואַן וואַסיליטש! איוואַן וואַסיליטש! וואָס האָבען מיר דאָ געטהאָן? ער איז געשטאָרבען! (זי זינקט אין פאָטעל.) דעם דאָקטאָר! דעם דאָקטאָר! (היסטערישער אָנפאַל.)

טשובוקאוו. אַך!... וואָס איז דאָרטען? וואָס פעהלט דיר?

נאטאליא סטעפאנאוונא (קרעכצט). ער איז טויט!... טויט!

טשובוקאוו. ווער איז געשטאָרבען? ווער איז טויט? (אַ קוק טהאָענדיג אויף לאָמאָוו'ן.) ווירקליך, ער איז טויט! גרויסער גאָט! וואַסער! דעם דאָקטאָר! (האַלטענדיג דאָס גלאָז צו לאָמאָוו'ס ליפען.) טרינקט!... ניין, ער טרינקט ניט!... ער איז אַלזאָ טויט און אַזוי ווייטער... אונ־גליקליכער מענש וואָס איך בין? פאַרוואָס שיס איך מיר ניט אַריין אַ [illegible] שטערן? פאַרוואָס האָב איך זיך שוין ביז איצט ניט איבערגע־[illegible] האַלז? אויף וואָס וואַרט איך נאָך? גיט מיר אַהער אַ מעסער! [illegible]ר גיט מיר אַהער! (לאָמאָוו הויבט זיך אָן ריהרען.) ס'ווייזט אויס, [illegible] צו זיך... טרינקט אַ ביסעל וואַסער! אַזוי...

[illegible] פונקען... טומאַן... וואו בין איך ערגעץ?

[illegible]אוו. האָט חתונה! שנעל... און צום טייוועל... זי וויל, זי וויליגט איין! (ער לייגט אַריין לאָמאָוו'ס הענד אין נאַטאַליאַס.) זי איז [illegible] און אַזוי ווייטער. איך בענש אייך און אַזוי ווייטער. אַבי לאָזט [illegible] רוהה!

[illegible]. האַ, וואָס? (זיך אויפהייבענדיג.) וועמען?

www.libtool.com.cn



טשובוקאָוו. זי איז איינפֿערשטאַנען! נו? צוקושט זיך און... און זאָל
אייך דער טייפֿעל ביידע קענען!

נאטאליא סטעפאנאוונא. (קרעכצט.) ער לעבט... יאָ, יאָ, איך בין
איינפֿערשטאַנען...

טשובוקאָוו. צוקושט זיך!

לאמאָוו. עה? וועמען? (ער און נאַטאַליאַ צוקושען זיך.) זעהר אַנגענעהם...
ערלויבט, וועגען וואָס האַנדעלט זיך עס דאָ? אַך, יאָ... איך
פֿערשטעה... ראָס האַרץ... די פֿונקען... איך בין גליקליך, נאַטאַליאַ
סטעפאַנאָוונאַ... (ער גיט איהר אַ קוש אין האַנד.) דער פֿוס איז געלעהמט...

נאטאליא סטעפאנאוונא. אויך איך בין גליקליך...

טשובוקאָוו. אוף... אַראָפּ אַ יאָך פֿון קאָפּ.

נאטאליא סטעפאנאוונא. און דאָך, גיט כאָטש איצט צו, אַז אוגאַדאַי
איז ערגער פֿון אָטקאַטאַי'ן.

לאמאָוו. בעסער!

נאטאליא סטעפאנאוונא. ערגער!

טשובוקאָוו. נו, איצט הויבט זיך אָן דאָס פֿאַמיליען-גליק! לחיים!

לאמאָוו. בעסער!

נאטאליא סטעפאנאוונא. ערגער!

טשובוקאָוו (שטרייגנט זיך אָן זיי אַריבערצושרייען). להיים! לחיים! לחיים!

## פאַרהאַנג.

-ָר אויס,
. אוי, דאָס
שווייגט!
-וועהר,
-נב!